№ 50 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. זיבעטער יאַהרגאַנג. פרייז 20 גראשען CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאכאווער צ

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז: פאר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 40 גראשען. נאָכ'ן טעקסט 25 גראשען.
אין טעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלב 8 אנאָנסען שפאלטען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פאראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאָן 201.

אבאָנאמענט-פּרייז
א נומער 20 גראשען.
בריעף פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dnia 13 grudnia 1929 ליכט-צינדען 3.12 פרייטאג, פ׳ ויצא י״א כסלו תר״צ

טעאטער ראָזמאַיטאָשטשי.
דריי ווייטערע און לעצטע גאסטשפּילען
פון לאָדזער ערשטען
קינסטלערישען
קאמער - טעאטער
„אררט"
דירעקציע: י. סטרוגאטש קינסט. ליַיטונג: מ. בראָדעזאָן
איינענע דעקאָראציעס, קאָסטיומען און ערקעסטער. דעקאָראציעס און קאָסט-
פּראָעקטירט פון פּרין קלייגמאן און ש. בלום. מוזיקאלישער לייטער: דוד
באַיגעלמאן. רעזשי: י. סטרוגאטש. קאָנפעראנסיע: י. מאנדעלבליט.
פּראָגראם. לייטער ח. חארט.

היינט פרייטאָג 8.30 אָוונט
זמירות!
מאָרגען שבת 9 אָוונט
גוט-וואָך!
מאָרגען שבת 3.30 נאָכמיטאָג
גלאַט כשר!

קינסטלערישער אנסאמבל: פרויען: מאלווינא ראַפּעל, שיינע מרים, מ. דאָלסקא, פּערל אוריה, ליובע ראָזענבערג. מענער: יוסף סטרוגאטש, יעקב מאנדלבליט, נתן רייכטענבערג, משה פּאָטאשינסקי, ישכר זוצאנאָוויטש, ש. דזינאו, ק. גאָלדשטיין, ז. קאָן א. א.

בילעטען פריִער צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ באָמשאן, שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע.

העלא און אברהם בימקע
צום געבורט פון איער ערשט
טעכטערל
מיין הארציגע ברכה.
ערציהט זי אלס שטאָלצע יודישע טעכטער
מרדכי קופּמאן

צו הערצליכען מזל - טוב ווינשען מיר אונזער ברודער
שלמה סולקאָווסקי (קאָניעצפּאָל) צו זיין פעראלט-
בונג מיט פרל. רעלטשע לאַנדוי (משענסטאכאָוו)
ויער וועג זאָל זיין מיט גליקען בעצייהרס.
ברידער מיכאל סולקאָווסקי און פרוי.
אברהם סולקאָווסקי און שוועסטער שרה

התראה.

דער זשאַריקער רבי האָט איבערגעגעבען זיין בעפולמעכטיגטען צו ערלעדיגען דעם ענין מיט ה׳ ישראל לייבוש פייפער, וועלכער ווערט אויפגע-פאָדערט טראָגצורוימען די ברעטער פון ערשטען הויף אויפ׳ן צווייטען הויף, וואו ער בעקומט א ספעציעלען פּלאַץ. אייך ניט דער רבי איהם צושטיי-ער איבערצושטעלען די בודקע.

איבערהויפּט ווען דאס אלץ אויבענדערמאַנ-טע איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך טו״צ ר׳ יוסף פּראָקאָש.

אין פאַל ווען ה׳ פייפער וועט וויַיטער נישט וועלען ערלעדיגען דעם סכסוך וועט לאין ברירה דער גאנצער ענין איבערגעגעבען ווערען דעם גערילכט.

מעלדונג.

מיר מאַכען אויפמערקזאם אלע אונזערע מיט-גליעדער דאס דעם 31-טען ה. ח. ענדיגט זיך דער טערמין פון אויסקויפען פּאַטענטען פאר'ן יאָהר 1930 נאָך דעם טערמין דראָהט א שטראָף פאר נישט בע-זיצען קיין פּאַטענט פון 3 ביז 20 מאָהל אַזויפיעל וויפיל דער פּאַטענט קאָסט, דעריבער צוליעב די בעקוועהמליכקייט פון די קליינהענדלער ערלעדיגט דער סעקרעטאריאט אלע פאָרמאליטעטען און קויפט אויס פּאַטענטען אזוי ווי אלע יאָהר פאר אונזערע מיטגליעדער.

די פערוואלטונג פון קליינהענדלער פערבאנד אלטער מארק 13.

עס ווערט געזוכט א יונגעל
די היגע ציוניסטישע אָרגאניזאציע זוכט א יונגעל צו הילפ׳ס ארבייט. צו ווענדען זיך צום ה׳ א. לעוו-קאָוויטש קאָפּערניקא 5.

א גרויסער לאָקאַל
אין בעסטען פונקט פון דער שטאָדט
שויין צו פערדינגען
אויף א געשעפט אָדער וואוינונג
ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע אונטער'ן נומער 17

א געוועלב
אין א גוטען פונקט שויין צו פערדינגען
ערקינדיגען אין רעדאקציע פאר A.

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער
פאמיליע גאָלדשטיין
צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען פאטער
אברהם נ״ע
איהר זאָלט נישט וויסען מעהר פון קיין צער.
פאמיליע זעלקאָוויטש
דעמבא 8.

צום ווינטער - סעזאָן 1929/30!
אין מיין
פוטער-געשעפט, פילסודסקי 5
פראָנט, ערשטער שטאָק, טעל. 305
פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון עלעגאנט פוטער-סחורות און איינ-צעלנע פעל, בלאטען, פערטיגע מענער און דאמען - פעלצען
אין מיין טרשטשלאסינגער הירזשנער - ווערקשטעל
ווערען אויסגעפערטיגט עלערליי בעשטעלונגען אונטער מיין פערזעהנליכער אויפזיכט, לויט די נייעסטע מאָדען.
מיכאל איידעלמאַן
פילסודסקי 5, ערשטער שטאָק, פראָנט.

אַכטונג פאַבריקאנטען און סוחרים!

דער סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין קאָשטשושקי 13 איז מודיע אז פאטענטען אויפ׳ן בייטם יאָהר מוזען אויסגעקויפט ווערען ביז׳ן 31 דעצעמבער ד. י. דער טערמין וועט נישט פערלענגערט ווערען.

אלע סוחרים און פאבריקאנטען קענען זיך ווענדען אין סעקרעטאריאט פון פעראיין, וואו עס וועט פאר זיי אויסגעקויפט ווערען פאטענטען.

די פעראינטערעסירטע פערזאָנען דארפען זיך ווענדען יעדען טאג פון 6 ביז 9 אָוונד, חוץ פרייטאג.

די פערוואלטונג פון סוחרים און פאבר. פעראיין

נ״ע רודל שוויאטלי (פון דער היים שטשופאק)
איז נאָך קורצע אָבער שווערע ליידען געשטאָרבען אין מעץ (פראנקרייך) אין עלטער פון 68 יאָהר און דאָרט צו קבורה געקומען, וועגען וואָס עס זענען מודיע די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, איניקלעך און פאמיליע.

די פערוואלטונג פון גמילת חסד פילסודסקי 27 דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דעם קאסירער ה׳ ישראל לייב שוויאטלע צוליעב׳ן טויט פון זיין מוטער
רודל נ״ע
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירשלים.

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל אונזערע פריינד און לאנדסלייט די משפחות פון ישראל לייב, פנחס און אלי׳ שוויאטלי יוסף פיינקוכען און דוד קרעבס צום טויט פון זייער
מוטער
זיי זאָלען שוין מעהר נישט וויסען פון קיין צער.
אייערע פריינד פאמיליע קרוויץ.
מעץ 2 דעצ. 1929

Andzia Gortler Mendel Rozencweig
Będzin Częstochowa
ZARĘCZENI w grudniu 1929 r.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער זוהן און ברודער מענדיל ראָזענצווייג מיט אנדזיא גאָרטלער ווינשען מיר פיעל גליק און א בליהענדע צוקונפט.
פאטער, ברידער און שוועסטער.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. פעלא קאָק מיט ה׳ וינמונט לאנדסבערג ווינשען מיר פיעל גליק און זייער צוקונפט.
געברידער
סאלאָמאָן און מיכאל רודניצקי.

צו דער חתונה פון אונזער זוהן און ברודער דוד יוסף עפּשטיין מיט פרל. פייגיל שיקחיטש, וועלכע איז פארגעקומען דעם 6 דעצעמ-בער ד. י. ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב, זיי זאָלען זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואנציג יאָהר.
די עלטערן און געשוויסטער.

צו דער חתונה פון אונזער ברודער דוד עפּשטיין מיט פרל. פייגיל שיקחיטש וועלכע איז פארגעקומען דעם 6 דעצעמבער ד. י. ווינשען מיר פיעל גליק און אַמבינע צופרידענהייט.
לייביל עפּשטיין און חיה פעפער.

מעומק לבנו חננו מברכים בברכת מזל-טוב חמה ולבבית את חברנו מר דוד עפּשטיין לנשואיו את הכלה מרת פייגיל שיקחיטש, יהי עתידם מאושר ויזכו לבנות את ביתם על הרי ציון וירושלים.
יצחק ליפסקי, עמנואל פרידמאן, משה דימאנט.

דאס בעקאנטע
פוטער-געשעפט
פון דער פירמא נטכה. הטלנציליאָווסקי
אין בטרקאָוויטש, פילסודסקי 1
טעלעפאָן 724
מאַכט בעקאנט, אז זי האָט אויפ׳ס לאגער א גרויסען אויסוואהל פון עלעגאנט פוטער-סחורות, איינצעלנע פעל, בלאמען, פערטיגע דאמען און מענער-פעלצען אויך אויף בעשטעלונג
אלץ צו מעסיגע פרייזען.
אויך האבען מיר אויפ׳ס לאגער
קאָלאָשען, שניעגאָווצעס, קינדער-קאלאָשען, דאמען-שטיוועל הורס און דעטייל. זעהר ביליגע פרייזען.
קומט און קויפט וועט איהר זיין צופרידען.

נישט צושטערען, נאר בויען.

(צום קאמף געגען די ציש"א שולען).

— III —

אז מיר מוזען אומבעדינגט זיך בע־מיהען צו שאפען פאר אונזערע קינ־דער נאציאנאל־יודישע שולען און פו־לען זיין פון חדרים, און דעם קענען דאך קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, דאכט זיך אז ביי קיין שום אומה ולשון וועט מען נישט געפונען קיין עלעמענטאר־שולען פאר יונגע קינדער אין וועלכע מען זאל מיט זיי נישט לערנען און זיי נישט בעקענען מיט דער געשיכטע פון זייער פאלק, און נישט איינפלאנצען אין זייערע יונגע הערצער די נאציאנאלע געפיהלען פון זייער אומה.

אונז אויב עס געפינען זיך ביי אונז די ציש"א שולען וועלכע זענען אוי־סערליך גוט אהערגעשטעלט און וועל־כע האבען איינגעקאסט פיעל מיה און ארבייט ביז מען האט זיי אזעלכע־שטעלט אויף זייער וועכטיגען מצב, מוז די ארבייט זיין געהאנגען אויסצוראטען פון די דאזיגע שולען דעם כפירה־סיס־טעם, צו בעזייטיגען פון דארט די שעדליכע עלעמענטען, די פארטיי־מענ־שען וואס חולען די שולען פערהאנד־לען און פארטיי־קרעמלעך, צו שאפען פאר זיי א פראגראם אין וועלכען עס זאל ארייננעהן אין א געניגענדער מאס יודישע היסטאריע און אונזער העב־רעאישע שפראך, א פראגראם, וועלכער זאל דעם צוקונפטיגען אונטערוואקסע־דען דור ערקלערען וואס ער איז, פון וואנען ער שטאמט, וואס עס איז גע־ווען זיין עבר, און וואס עס דארף זיין דער עתיד, די צוקונפט פון איהם אלס זוהן פון יודישען פאלק.

און עס איז צו גלויבען אז דאס וועט נישט אזוי שווער זיין אדורכצו־פיהרען, עס וועט נישט זיין אזא שווע־רע זאך ארויסצוווארפען פון זייערע בענקלעך די אומבעגעטענע „פערזאר־גער" וואס האבען זיך אהינגעזעצט און זענען געווארען די מדריכים, די ערציהער פון פרעמדע קינדער און דער צייט ווען זייערע אייגענע קינדער שי־קען זיי אין אנדערע שולען, און זיי האבען נישט קיין אהנונג וועגען דעם וואס מען דארף דעם קינד געבען און ווי אזוי מען דארף עס ערציהען.

עס איז קיין צווייפעל נישט אז די עלטערן פון די דאזיגע קינדער וועלען אונז קומען צוהילף, ווייל אזוי ווי מיר האבען שוין דערמאנט געפינען זיך כלל נישט קיין עלטערן וואס וועלטען מסכים געווען אויף דעם איצטיגען פראגראם ווען זיי וועלען נאר פערשטעהן זיין גרויסע שעדליכקייט.

ערשט ווען מיר וועלען זעהען אז דאס קען נישט געלונגען, אז פון די דאזיגע שולען קענען מיר צוליעב וועל־כע ס'איז אומשטענדען נישט מאכען דאס וואס מיר דארפען, ערשט דאן מוזען מיר זיך בעמיהען צו שאפען אנדערע שולען, מוזען מיר זיך ווענדען צו דער יודישער בעפעלקערונג און איהר ערקלערען אז די שולען ווילען נישט ווערען קיין יודישע, אז די דא־זיגע שולען ווילען זיך בשום אופן נישט צוגעבען צו דעם וואס א יוד דארף, מוזען מיר איהר ערקלערען אז פאר זייערע קינדער מוזען געשאפען ווערען אנדערע שולען וועלכע וועלען צופרידענשטעלען אונזערע און זייערע פערלאנגען, און יודען וועלען געוויס געבען געלד, וועלען אהערשטעלען די מיטלען וואס זענען צו דעם צוועק נוי־טיג, קיינער וועט זיך פון אזא הייליגע זאך נישט אבזאגען, און עס וועלען זיך געוויס געפינען די מענשען וואס וועלען אויף זיך די הייליגע ארבייט נעמען און וועלען דאס אדורכפיהרען.

עס איז אויף דער יודישער גאס ענטשטאנען דער „שול־קולט", וועל־כער האט זיך געשטעלט אלס אויפגא־בע צו שאפען נאציאנאל־יודישע שו־לען, אבער מיר האלטען אז דער „שול־קולט" דארף קודם כל געהען אויף דעם ערשטען וועג, פרובען אומ־צוענדערן דעם פראגראם פון ציש"א, ווען מען קען נאך שולען נישט דאר־פען, און די אויפגאבע פון „שול־קולט" וועט זיין צו וואכען איבער די ציש"א שולען און זיי פערוואנדלען אין שו־לען וועלכע וועלען ענטשפרעכען זיין פראגראם.

דאס דארף זיין די אויפגאבע פון שול־קולט, לויט אונזער מיינונג, און ווען ער וועט קומען צו די יודישע מאסען און ערקלערען אז ער האט זיך געווענדעט צו די ציש"א און זיי האלטען זיך בשום אופן נישט מגייר זיין, איז קיין ספק נישט אז די גאנצע יו־דישע עפענטליכקייט, די בריימע יו־דישע פאלקס־מאסען וועלען געהן מיט איהם, מיט'ן „שול־קולט", און וועלען איהם מיטהעלפען צו שאפען די אמת'ע נאציאנאל־יודישע שולען, אין וועלכע מיר בענעהטיגען זיך אזוי שטארק.

י. פ.

פון דער וואך.

— דער רעגירונגס־קריזיס דויערט נאך אלץ ווייטער. אין בעהאופט וואס די מעהרהייט פון סיים אויסגעדריקט אומצוטרוי דער רעגירונג, צוליעב וואס זי האט זיך אבגעגעבען אין דימיסיע און די בודזשעט־זיצונגען פון סיים זע־נען צוליעב דעם איבערגעריסען געווארען. אלע קאנפערענצען ביים מלוכה־פרעזי־דענט מיט די פארשטעהער פון די סיים־קלובען האבען פערלויפיג צו קיין פערשטענדיגונג נישט געבראכט. מען זאגט אז זונטאג וועט געבילדעט ווערען די נייע רעגירונג און מאנטאג אדער דונערשטאג זאל זיין א סיים־זיצונג.

— און דראהאביטש דן געבורטס־שטאדט פון פערשטארבענעם דעפ. ד"ר לעאן רייך, איז פארגעקומען א גרויסע פייערונג בעת ווען עס איז אדורכגע־פיהרט געווארען דער אקט פון אנרו־פען איינע פון שטאדטישע גאסען אויפ'ן נאמען פון ד"ר רייך.

— די אונגעהויערע טעטיגקייט פון די אראבער אין די פארלאמענטארישע קרייזען אין לאנדאן האט געווירקט און עס איז זיי געלונגען צו שאפען א פרא־אראבישען פארלאמענטארישען קאמי־טעט אין לאנדאן, וועלכער זאל דינען אלס געגענגעוויכט צו דער פרא־ציוניסטישער פארלאמענטארישער גרופע וואס איז אין לאנדאן געשאפען געווא־רען דעם פאריגען חודש און בראש פון וועלכער עס שטעהט דעפ. וועדזש־וואוד.

— דאס צענטראל־ביורא פון קרן־היסוד אין פוילען האט בעקומען א טעלעגראפישע ווידיעה אז פרעז. נחום סאקאלאוו קומט קיין פוילען דעם 30 ד. ה. צו זיין אגיטירענד ביים עפענען דעם קרן־היסוד קאמפיין אין פוילען.

— איבער די ברעגעס פון אטלאנ־טיק און לא־מאנש קאנאל בושעוועט א שרעקליכער שטורם, וועלכער האט אויפגערודערט די גאנצע אומגעגענד די שיפען קענען נישט צוקומען צום ברעג און איינציגע שיפען זענען אונ־טערגעגאנגען, עס זענען פארגעקומען שרעקליכע חורבנות און פערלעצונ־גען אין פראנקרייך און ענגלאנד.

— דער ווארשאווער בוי־אונטערנעה־מונגס־אמט וויל שאפען א ספעציעלען אמט, וועלכער זאל האבען די אויפ־גאבע צו וואכען איבער דעם אויסער־ליכען אויסזעהען פון דער הויפט־שטאדט, אז עס זאל האבען דעם גע־העריגען עסטעטישען און געשמאקפו־לען אויסזעהען.

— דער פעראיין פון אפטייקער און דראגען־האנדלונגען האט זיך געווענ־דעט צום אינערן־מיניסטער וועגען ער־לויבען אז די דאזיגע אפטייקען און האנדלונגען זאלען מעגען אפען האלטען ביז 9 א זייגער אוונד אין שבת און ערב־חגים.

— און די אגודה־קרייזען הערשט א שרעקליכע פערבוטערונג צוליעב דעם שארפען ארויסטריט פון דעפו־טאט גרינבוים בעת זיין לעצטע רעדע אין סיים, געגען דער אגודה און דעם גערער רבי. די אגודה ארדנעט איין פראטעסט־מיטינגען אויף וועלכע עס וועלען אנגענומען ווערען שארפע פראטעסט־רעזאלוציעס געגען דעפ. גרינבוים.

— לויט א מיטטיילונג פון דער עריענט־לויד וועט אויך אין די ווינ־טער חדשים זיין א נארמאלער שיפס־פערקעהר צווישען דעם דאנציגער פארט מיט די פארטען פון יפו און חיפה.

— אין ניו־יארק איז פארגעקומען די יעהרליכע קאנפערענץ פון דער פעדעראציע פון די יודישע סאציאליס־טען אין אמעריקא. ווען דער פער־שטעהער פון „בונד" האט גערעדט געגען ארץ־ישראל איז געגען איהם ארויסגעטרעטען דער שעף־רעדאקטאר פון „פארווערטס" ה' אב. קאהאן וועל־כער האט געהאלטען א זעהר ווארעמע רעדע וועגען ארץ־ישראל און די דאר־טיגע ארבייטערשאפט פון וועלכע ער איז בעגייסטערט געווארען בעת זיין לעצטען וויילען אין א"י. עס איז אנ־גענומען געווארען א בעשלוס אז די יודישע ארבייטער אין אמעריקא אינ־טערעסירען זיך מיט'ן גורל פון די יודען אין ארץ ישראל און ספעציעל מיט דער ארבייטערשאפט וועלכע זיי וועלען קומען צוהילף צוגלייך מיט די יודישע מאסען אין אנדערע לענדער.

די קהלה אנגאזשירט צוויי נייע ראבינאט בעאמטע.

ווי בעהאופט איז זינט עס האט פער־לאזט אונזער שטאדט דער יונגער מו"ץ הרב ישאיעוויטש וועלכער איז אבגע־פאהרען מיט 6 יאהר צוריק קיין ארץ־ישראל, האט מען אלס געטראכט וועגען צונעמען א אנדערען מורה־הוראה אויף זיין ארט, אבער טראץ דעם וואס די דאזיגע פראגע איז געשטעלט גע־ווארען אויפ'ן סדר־היום ביי יעדען יעהרליכען בודזשעט, איז זי אלס אב־געלעגט געווארען מיט'ן טענה אז די צייט איז א שלעכטע ווען מען קען די בעפעלקערונג נישט צופיעל בע־לאסטען, און מען קען זיך בעגעהן מיט די ביז יעצטיגע דיינים.

מיט א צייט צוריק ווען עס איז נפטר געווארען דער יונגער רבי ר' אביגדור שפירא ז"ל, האט א געוויסער טייל מענשען פערלאנגט אז מען זאל אויפנעמען אלס מו"ץ זיין איידעם הרב בנימין רובין, אבער דאמאלט איז מען געקומען בלויז מיט דער טענה אז מען דארף פערזארגען די אלמנה פון'ם נפטר ז"ל וועלכע טענה איז נישט גע־ווען קיין ריכטיגע, ווייל די שטאדט האט געגען זיי נישט געהאט קיין שום פליכטען.

הרב רובין האט זיך אבער במשך דער צייט געשאפט גענוג פאפולער אין אונ־זער שטאדט מיט זיינע דרשות וואס ער האלט יעדען שבת אין ביהמ"ד פאר א זעהר גרויסען עולם, אויך איז ער בכלל א אהוב לכול, און ער האט זיך ערווארבען א גרויסע צאהל סימפאטי־קער און אנהענגער וועלכע האבען איהם שוין געהאלטען פאר דעם צו־קונפטיגען מו"ץ אין אונזער שטאדט.

די זאך וואלט אבער נישט אזוי גיך צושטאנד געקומען ווען נישט דאס וואס עס איז בעהאופט געווארען אז דער יונגער גרויסער תלמוד חכם ר' משולם בערגשטיין איז גרייט אנצונע־מען דעם אמט פון מו"ץ, און אזוי ווי ר' משולם רעכענט זיך היינט פאר איינעם פון די געצעהלטע גדולים אין פוילען, האבען זיך באלד אין אונזער שטאדט געפונען מענשען וואס האבען אנגעהויבען א געהויסע טעטיגקייט ביי דער קהלה פאר איהם, אויפמערזאמענד אז ער האט זיך עהרליך פערדינט דעם דאזיגען אמט אלס א מענש וואס איז פרנ:ץ תורה און אונזער שטאדט זינט א לאנגער צייט, און לעצטענס איז זיין לאגע א געדריקטע, דארף מען אהן ספק אזא גדול אונטערשטי־צען און דערפרייט צו האבען אזא גדול בתורה אלס מורה־הוראה אין אונזער שטאדט.

באלד האט זיך אבער ארויסגערוקט די קאנדידאטור פון ר' בנימין, וועלכער איז חוץ געוועזען נישט בלויז קיין למדן און א בעל־הוראה נאר א מענש מיט זעהר וויכטיגע קראפטען פאר א שטאדט, א זעהר שעהנער און טא־לענטפולער דרשן, האט א ידיעה אין מילי דעלמא, און בעזיצט אויך די פוילישע שפראך, וועלכעס קיין שום היגער מו"ץ בעזיצט נישט, און דערוי־בער האט ער, ווי געזאגט, א זעהר גרויסע צאהל אנהענגער צווישען אלע חוגע יודישע שיכטען, און עס וואלט געוויס געקענט קומען צו א מחלוקה צוליעב דער קאנדידאטען־פראגע.

עס האבען זיך אבער צווישען די דאזיגע געפונען איינינע וואס האבען בשום אופן נישט געוואלט דערלאזען צו קיין מחלוקה, און [illegible] אז מען קען די שטאדט נישט בעלאס־טען מיט קיין צו גרויסע אויסגאבען, האבען זיי פארט בעשלאסען אז למען השלום מוז מען צונעמען בעידע קאנ־דידאטען, און אזוי איז דאס געבליבען.

די פערוואלטונג האט אויף איהר לעצ־טער זיצונג בעשטעטיגט בעידע אלס ראבינאט־בעאמטע וועלכע דער היגער רב האט צוצוטיילען יעדען א געוויס געביעט פון רעליגיעזע ענינים מיט וועלכע ער זאל זיך פערנעמען.

איצט וועט די זאך קומען פאר'ן קהלה־ראט וועלכער דארף נאך דאס בעשטעטיגען, און דאס וועט בעטראכט ווערען אין די נאהנטסטע טעג אויף א זיצונג פון ראט וועגען דעם קהלה־בודזשעט פאר'ן קינפטיגען יאהר, און וועלכען עס וועלען שוין פיגורירען געהעריגע סומעס אלס פענסיעס פאר די נייע ראבינאט־בעאמטע.

STARSZY FELCZER
S. MITTLER
Piłsudskiego 5.
telefon 8-04.

15) # די יודישע העלדין.

אונטערהאלטענדע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פוילען אין 17־טען יאהרהונדערט.

פריי איבערזעצט דורך: י. נעלזאהן

(סוף).

אין דעם אויגענבליק האט אברהם ארויסגעכאפט זיין שווערד, און איז צוגעלאפען צום ארט וואו יהודית איז געזעסען אויפהויבענדיג די שארפע שווערד.

דער פאשא האט דאס בעמערקט און אברהם'ן אנגענומען ביי דער האנד, האט ער ערשטוינט געפרעגט:

וואס ווילסטו טהון?

היט זיך פאר דער דאזיגער פרוי — האט אברהם אויפגעשריגען אינגאנצען ערשטוינט — זי איז געקומען דיך ערמארדען.

וואס? — האט דער פאשא געפרעגט נאכמעהר ערשטוינט — קוקענדיג דא אויף יהודית'ן און דא אויף אברהם'ן.

זי איז א נידערטרעכטיגע געמיינע פרוי... האט אברהם ווייטער אנגע־הויבען, אבער דער פאשא האט איהם איבערגעריסען פרעגענדיג יהודית'ן:

דו קענסט דעם מענש?

איך קען איהם — האט יהודית מיט א געמאכטער רוהיגקייט געזאגט — דאס איז מיין מאן...

און פארוואס זאגט ער אויף דיר אזעלכעס?

ווייל איך בין פון איהם אנטלאפען און געקומען צו דיר, איז ער געווארען איפערזיכטיג.

עס קען מעגליך זיין אז דו האסט רעכט — האט דער פאשא געזאגט — ווארום ער וואלט דאך נישט געהען אזא גוטער פריינד מיר, און קומען מיך אבהיטען.

געוויס איז נישט קיין וואונדער — האט איינער פון דעם פאשא'ס ראט־געבער געזאגט — אז פערלירענדיג אזא שעהנע און קלוגע פרוי איז ער געווארען חולד און אויסגעטראכט אויף איהר אזא שענדליכען בלבול.

און וואס זאל מען טהון מיט דעם פערברעכער? האט געפרעגט דער פא־שא זיך ווענדענדיג צו זיינע יועצים.

זאל יהודית איבער איהם ארויס־טראגען דעם אורטייל — האט איינער געזאגט און אלע האבען איינגע־שטימט.

אלזא זאג, מיין טייערע, וועלכע שטראף זאל געטהון ווערען דעם דא־זיגען נידערטרעכטיגען מאן? האט דער פאשא געפרעגט יהודית'ן.

יהודית האט זיך אביסעל פערטראכט און דאן געזאגט: זאל מען איהם ארויס־לעגען אויף דער גרויסער פייער־פלאם און לעבעדיגערהייט פערברענען.

אברהם האט זיך געקווארטשעט פון יסורים הערענדיג די ווערטער.

ניין. דאס איז א צו קליינע שטראף פאר איהם. האט דער פאשא געזאגט.

אויב אזוי האב איך א אריגינעלע שטראף — האט יהודית געזאגט — זאל ער בלייבען לעבען, און זיינע אוי־גען זאלען זעהן ווי מיר האבען זיך ליעב, און ער מוז זיין אונזער אונטער־טעניגער קנעכט.

דו ביזט גערעכט יהודית — האט דער פאשא אויסגערופען — דאס איז פאר דעם הונד זיין די גרעסטע און שרעקליכסטע שטראף.

דער פאשא האט בעפוילען זיינע קנעכט אז זיי זאלען אברהם'ן ארויס־פיהרען, און איבערגעבען וועלכע ס'איז ארבייט, בעת אברהם האט געקרעצט מיט די צייהן פאר כעס און שאנדע.

דעם גאנצען טאג האט אברהם גע־מוזט טהון די שווערסטע ארבייט, ער האט זיך פערמיאוסט זיין לעבען, און ער האט נאר געטראכט ווי ארום זיך נוקם צו זיין אין זיין פערברעכע־רישער פרוי, און געגען אבענד האט דער פאשא איהם גערופען און צו איהם געזאגט:

די גאנצע נאכט זאלסטו שטעהן אויף דער וואך פאר דעם הויז וואו איך וואהן מיט מיין פרוי, קיין מינוט זאל־סטו נישט אפקוקען פון דעם בע־שטימטען ארט.

מיעד און צובראכען פון צער און צארן איז אברהם געשטאנען אויף זיין ארט פאר'ן הויז, וויסענדיג אז דא געפינט זיך זיין פרוי מיט דעם פאשא, ער איז כמעט משוגע געווארען פאר גרויס קרענקונג און איז גרייט געווען זיך דאס לעבען צו נעמען, אבער בלויז די קראפט פון נקמה האט איהם צוריקגעהאלטען, ער האט געטראכט וועגען נוקם זיין זיך אין דער שרעק־ליכער פרוי וואס האט איהם אזוי שרעקליך פערראטען.

שטעהענדיג האבען איהם די כוחות ענטלאזט און ער איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד אהנמעכטיג, ווען פלו־צים האט א הענד אנגערוהרט איהם פון הינטען.

אברהם האט זיך דערשראקען אומ־געקוקט און געזעהן יהודית'ן פאר זיך.

וואס ווילסטו נידערטרעכטיגע פער־רעטערין? — האט ער קוים ארויסגע־רעדט — וועק פון מיר ווארום דו ביזט שוין א טויטע און זאל זיין וואס עס קען.

שווייג אברהם — האט יהודית שטיל געזאגט — שטעה אויף דער וואך ביז איך וועל פערענדיגען מיין ארבייט.

יהודית איז צוריק ארויין אין הויז און אברהם האט נישט געקענט פער־שטעהן וואס דא קומט פאר, אבער איי־דער ער האט זיך בעזונען איז שוין צוריקגעקומען יהודית שרעקליך בלאס און אויפגערעגט, זי האט איהם כמעט מיט כח אנגענומען אונטער'ן ארעם זאגענדיג:

קום שנעל, לאמיר ענטלויפען.

אברהם איז איהר נאכגעגאנגען, די מיליטערישע וואכען זעהענדיג ווי יהו־דית געהט האבען איהר נישט גע־שטערט און באלד זענען זיי צוגעקומען צום ארט וואו די עפנונג האט זיך גע־פונען.

יהודית מיט אברהם'ן האבען ערשט־גענומען דעם שטיין פון דער געהיימער עפנונג און זענען ארויס אין דער חיל, צושטעלענדיג צוריק, און ערשט דאן האט אברהם זי געפרעגט:

וואס האסטו געטהון?

איך האב איהם דערהרג'עט — האט יהודית געענטפערט.

מיט'ן טאג צוגלייך זענען בעידע, יהודית און אברהם, אנגעקומען אין שטאדט ערשט, און באלד איז די גאנ־צע שטאדט געווען אויף איין פלאץ, און הערענדיג אז יהודית האט דער־הרג'עט דעם פאשא האט די גאנצע שטאדט אנגעהויבען צו יובלען פאר גרויס פרייד.

יהודית האט ערשט איצט דערציילט וואס זי האט אין די לעצטע טעג אי־בערלעבט און זי איז געפאלען אין חלשות.

א לאנגע צייט האט געדויערט ביז מען האט זי אנגעמונטערט און דאן איז ערשט די שמחה געווארען פארט־געזעצט.

— — — —

דאס פעסטונג אין ביעלאמעליק האט זיך אלץ נאך געהאלטען פעסט און ערשט אומ'ן דריטען טאג האבען זיי געזעהן ווי די טערקען רוקען זיך אב און ציהען צוריק פונ'ם ארט.

די דאזיגע געשעהעניש האט דער־פיהרט דערצו אז דער פוילישער קע־ניג סאביעסקי האט שלום געשלאסען מיט די טערקען אויף זעהר גוטע בע־דינגונגען און דער נאמען פון יהודית איז געווארען בעהאופט אין גאנצען לאנד אלס די גרויסע יודישע העלדין.

בריוו פון פאריז.

.3

דער רושם פון פראָפ. איינשטיינ'ס בעזוך אין פאריז.

אין דער פרעסע איז שוין געווען בעשריבען וועגען דעם בעזוך פון אונזער גרויסען יודישען געלעהרטען פראָפעסאָר אלבערט איינשטיין, אין פאריז, ווען ער איז צווישען די אנדערע פינף וועלט-געלעהרטע בעשאָנקען געוואָרען מיט'ן טיטול עהרען-דאָקטאָר. איך וויל נאָך דאָ איבערגעבען איינינע פרטים פון דער גראנדיעזער קולטור-פייערונג מיט וועלכער פאריז האט זיך משום געקאָכט.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אין דער סאָרבאָנע. אין דעם טאָג פון דער פייערונג זענען אלע זשורנאלען פון יעדער שפראך אין ריכטונג, ארויס מיט לויב-ארטיקלען לכבוד די פינף העלדען פון טאָג, און דעם אויבענען האט פארנומען אונזער גרויסער געלעהרטער דער הייסער איבערגעבענער נאציאָנאלער יוד פראָפ. אלבערט איינשטיין'ס נאָמען מיט זיין בילד איז געדרוקט געוואָרען אין אלע פאריזער אויסגאבען.

אזוי לאנג ווי דער ריזיגער סארבאָנא-זאל עגזיסטירט האט ער נאָך אין זיינע מויערען נישט געהאט מיט איינמאל, אזוי פיעל טויזענדער אקאדעמיקער ווי עס האבען זיך צונויפגעזאמעלט צו דער דאָזיגער פייערונג. בעת דער זאל איז געווען הערליך דעקאָרירט, האט עס האט איהם צוגעגעבען נאָך א גרעסערען און אימפאזאנטען פערזענליכען אויסזעהען.

פון אויסען די טויזענדער אקאדעמיקער האבען אויף זיך געטראגען זייער אויסמערקזאמקייט די פראָפעסאָרען מיט די רעקטאָרען אין זייערע רויט-פארבינע ספּעציעלע קליידער, און דאס אלץ צוזאמען האט אויף די פיעל אנוועזענדע געמאכט אן אויסגעהויבענעם אונבעשרייבליכען איינדרוק.

די פייערונג הויבט זיך אן מיט'ן שפּיעלען די מארסעליעזע, און דאן האט דעקאן פון ווירדישען פאקולטעט אנגעהויבען צו ערקלערען דעם עולם די גרויסע פאַרדינסטען פון דעם מאָמענט און די גרויסע פאַרדינסטען וואס יעדער פון די פינף געלעהרטע בערימטע מענער האט זיך פארדינט ביים שאפען געוויסע פערלייכטערונגען אויפ'ן הומאניסטישען געביעט. א הילינע שטילקייט האט ארומגענומען און בעהערשט אלע אנוועזענדע, און מען האט געקענט בעמערקען ווי די גרויסע ענטוזיאסטישע יוגענד, וועלכע האט זיך געפונען און וואלט צווישען דער ריזיגער מענשען-מאסע, איז געווען אזוי ווי א פעס פולווער וואס איז גרייט יעדע מינוט אויסצורייסען און צו שטורעמען.

א וועהר שעהנע רעדע האט דער דעקאן געהאלטען דעם פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק פראָפ. איגנאצי מאָשטשיצקי, וועלכער פארנעמט א בכבוד'ען פלאץ צווישען די וועלט-בערימטע געלעהרטע מענער, א דאנק זיינע פיעלע ערפינדונגען און דערגרייכונגען.

עס איז פערהאנען א מענש—זאגט ווייטער דער פראָפעסאָר אין זיין רעדע—וועלכער האט מיט זיין גאונות ארייננעבראכט ליכט אין לעהרע אין אונזער מענשליכער עפאָכע, און ער מאכט אנ'איבערקעהרעניש אין דער שטודירענדער וועלט, דאס איז דער געניאלסטער מאן פון 20-טען יאהר-הונדערט פראָפעסאָר אלבערט איינשטיין...

ביי די דאָזיגע ווערטער האבען זיך אלע עלעקטרישע לאמפען וואס זענען פערהאנען אין זאל און די טויזענדער —אנגעצונדען, און צעהנדליגער פילם-אפאראטען האבען אנגעהויבען פאָראָ-גראפירען אויפ'ן עקראן דעם פערליכען מאָמענט, די ריזיגע מענשען - מאסע האט זיך א בעהעג געטהון און געגאָסען שטורמיש און רוישיג אפּלאָדירען מינוטען לאנג האבען זיך די אפּלאָדיסמענטען געצויגען און זענען געוואָרען פאָרטגעזעצט מיט אזא עקסטאַז און ענטוזיאזם אז דער ריזיגער שפּילענדער אָרקעסטער איז פערטויבט געוואָרען פון הילכיגען פּאטשען מיט די הענד און טופען מיט די פיס.

דאן איז פאָרגעקומען דער פערליבער צערעמאָניאל פון צושטעלען די 5 עהרען-טיטלען, אונטער שטורמישע אפּלאָדיסמענטען, רוישיגע אוואציעס און די הערליכע טענער פון גרויסער-טיגען אָרקעסטער וואס עס האט בעדנומען א קורצע צייט, און אלע אנוועזענדע האבען זיך געפוגען אין דער העכסטער בעגייסטערטער שטימונג.

נאכדעם ווי די פייערונג האט זיך פערענדיגט איז פראָפ. איינשטיין אויף די הענד פון די אקאדעמיקער ארויס-געטראגען געוואָרען און גאַם אוי עס האט אויף איהם געווארט דער אויטאָ פון דעם דייטשען אמבאסאדאָר אין פאריז, וועלכער האט איהם בעגלייט און צוזאמען מיט איהם אבגעפאהרען אין פאלאץ פון דער דייטשער אמבאסאדע.

צומאָרגען'ס האט פראָפ. איינשטיין געגעבען א אינטערוויו א גרויסע צאהל פראנצויזער זשורנאליסטען, מיט וועלכע ער האט זיך געמיטליך אונטערהאלטען און געענטפערט אויף פערשידענע היסטאָרישע-פאליטישע און פאליטישע פראגען, צווישען די זשורנאליסטען האט זיך אויך געפונען א פערטרעטער

צי קענען האנדווערקער מכשירים און מאשינען סעקווסטרירט ווערען דורכ'ן סעקווסטראטאָר.

א געריכט'ס אָדער א אדמיניסטראטיווע עקזעקוציע האט נישט דעם ציעל צו רואינירען דעם בעל - חוב, איהר אויפגאבע איז נאר איהם צו צווינגען צו ערלעדיגען די פּרעטענ-סיעס פון דעם גלויבינער, און דא-רובער אויב דער קאָמארניק פארנעמט זיינע בעהעלטעניש זאכען, טוט ער איהם אובערלאָזען די זאכען, וועלכע זענען אונבעדינגט נויטיג צו פיהרען זיין הויז-ווירטשאפט און די מכשירים וועלכע זענען אונבעדינגט נויטיג צו פיהרען זיין אינטערנעהמונג. דאריבער זענען אין דער צוויל-פראצעדור אויסגערעכנט א גאנצע רייהע זאכען, וועלכע קענען נישט רעקווירירט ווערען דורך דעם געריכט אָדער אדמיניסטראַציע.

אין דעם ארטיקעל וועל איך בעטראכטען אין וואס פאר א גרענעצען זענען בעפרייט האנדווערקער ארבייטס-מכשירים פון געריכטס אָדער אדמי-ניסטראטיווע רעקוויזיציע.

דער 811§ פון דער ציוויל פראָצע-דור פונקט 5 לויטעט: ביי ארטיסטען, האנדווערקער, אינדוסטרי - ארבייטער און ביי אנדערע פערזאָנען, וועלכע פערדינען דורך האנד-ארבייט, קענען נישט ווערען צוגענומען זאכען וועלכע זענען נויטיג צו דער ווייטערדיגער פערזענליכער פערדינסט-בעשעפטיגונג.

ווי איך האב שוין דערמאנט, וויל איך בעטראכטען די פראגע און צוזא-מענהאנג מיט בעל מלאכות, נעזעלען, געהילף, לערן - יונגער און אנ-דערע האנדווערקער, וועלכע ארבייטען פיזיש, און די מכשירים וועלכע זענען זיי נויטיג צו ווייטער ווייטערדיגער פער-דינסט-ארבייט קענען נישט ווערען רעק-ווירירט דורכ'ן קאָמארניק. אזוי איז דאס בנוגע אלע מכשירים מיט וועלכע דער בעל-מלאכה טהוט זיך בעשעפ-טיגען ביי זיין פערדינסט-ארבייט און וענען אונבעדינגט נויטיג אין דעם בע-פערענדען הארשטאט. עס איז פער-שטענדליך אז אויב דער בעל מלאכה וועט האבען אין א גרויסע צאהל מכ-שירים פון איין גאטונג, קען א געווי-סע צאהל סעקוועסטרירט ווערען, נאר עס מוז אזא צאהל בעפרייט ווערען פון סעקוועסטער, וועלכע איז נויטיג צו דער ווייטערדיגער פיהרונג פון ווערקשטאט אָדער צום ווייטערדיגען פערדינען. עס איז ווערט אונטערצו-שטרייכען, אז דער אויסדרוק קען דא האבען און זענען נישט נאר קליינע מכשירים צו דער ארבייט, נאר אויך אלע מאשינען וועלכע זענען נויטיג אין דער האנדווערקער-אינדוסטריע און אפילו מאשינען מיט מאטאָר-קראפט.

א גרויסע צאהל האנדווערקער-ווערקשטאטען האבען זיך שוין פערוואנדעלט אין א גאנצע רייהע טעכנישע אויס-בעסערונגען, כדי צו פערגרעסערען די פראָדוקציע און אויסבעסערען די ארבייט גופא, כדי צו קאָמפּען מיט דער פאבריקס-קאָנקורענץ. צונעמענדיג ביי די היינטיגע צייטען ביי אזא ווערק-שטאט זייער טעכנישע אויסבעסערונגען, מאשינען א. א. ה. און צווינגען איהם זיך אומצוקעהרען צו זיינע בע-פיירונג האנד-מאשינען איז דאס וועל-בע וואס רואינירען זיין ווארשטאט און זיין ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ, אזוי ווערקשטאט וועט נישט אויסהאלטען די קאָנקורענץ פון אנדערע ווערקשטאטען פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט די קאָנקורענץ פון די פאבריק. דאריבער אזוי ווי איך האב שוין בע-מערקט אז די בעטרעפענדע פארשרופ-טען פון דער ציוויל פראצעדור האבען פאר א ציעל צו פערטיידיגען דעם בעל-חוב פון א ווירטשאפטליכען רו-אין, איז ממילא אין די יעצטיגע בע-דינגונגען הייסט זיך ארויס פאר נויטיג, דאס די פערשריפטען זאָלען פערהיטען נישט נאר קליינע און האנד מכשירים, נאר אויך די אין דער מלאכה בענוצ-טע מאשינען, אפילו אזעלכע וועלכע ווענען דורך קראפט און בעטריב.

די פראגע אז מען זאל בעפרייען מאשינען וועלכע זענען אין בעטריעב דורך קראפט וועט זיין וועהר קאָמפּלי-צירט, ווייל ווערקשטאטען מיט מאטאָר-איינריכטונגען פערלירען שוין דעם כאראקטער פון האנדווערקער-אינדוס-טרי און דערנעהנטערן זיך שוין איי-גענטליך צו דער פאבריקס-אינדוסטרי און א גרענעץ צווישען איינעם און דעם צווייטען וועט זיין שווער צו בעצייכ-נען. כדי פעסטצושטעלען די פראגע אז מען זאל קענען אונטערשיידען די גרעניצען פון א האנדווערקער - ווערק-שטאט און א פאבריק, וועט מען מו-זען בעטראכטען פאלגענדע פונקטען:

1) אויב די מאטאָר-ארבייט האט נאר א געהילפס כאראקטער און א צוזאמ-ראנגיגע בעציהונג צו דער מאשין, 2) צי די בעטרעפענדע מאשינען זע-נען אונבעדינגט נויטיג צו דעם ווייטער-דיגען פערזענליכען פערדינען און אזא מאס, אז אויב ער וועט זיי פערלירען וועט געשאפען ווערען א גרויסע ענ-דערונג און זיינע פערדינסטען, אויב די מאשין ענטשפרעכט די אויבען בעשטימטע בעדינגונגען איז נישט קיין צווייפעל, דאס זי וועט פערדרעכענט ווערען צו די קאטעגאָריע האנדווער-קער מכשירים, וועלכע קענען נישט רעקווירירט ווערען, ווייל טונעמען אזא מאשין וועלט ווערקלענערט און א גרויסער מאס די פראדוקציע פון זיין ווערקשטאט ביי די צאהל פון אויך דו נעמונג און ביי די היינטיגע בעדינגונ-גען וועלט דאס צוגעפיהרט צו זיין קאמפלעטער רואינע און ווירטשאפט-ליכען אונטערגאנג.

אויף דעם פערשריפט קען מען זיך פערופען, נישט נאר און פאל פון געריכטס - עקזעקוציע, נאר אויך און פאל פון עקזעקוציע וועלכע ווער-דען דורכגעפיהרט דורך די אדמיניס-טראטיווע טאכט (פעראטקעס) לויט דעם 28§ פון דער פערארדנונג פון מלוכה - פרעזידענט פון 22|III 1928 (רז. אוסטאוו 36).

צום שלום וועלט איך געוועלט אנ-הייזען שוך-מיטלען, וועלכע דינען דעם בעל חוב אונפאל פון פערנעמען דורך דעם קאָמארניק זאכען, וועלכע קענען נישט ווערען צוגענומען לויט דעם 811§ פון דר ציוויל פראצעדור.

און געריכטס - פאלען קען דער בעל חוב אריינגעבען פערוואור-פען און אנקלאגעס אויף די טעטיגקייט פון קאָמארניק מיט א ביטע צו בע-פרייען פון סעקוועסטער און גערוקט-נעריכט, לויט דעם 366§ פון די צו-וויל פראצעדור און געגען דער דע-ציזיע פון גערוקט-געריכט לויט דעם 293§ פון ציוויל פראצעדור דורט אריינצוטראגען א אנקלאגע און פער-לויף פון 2 וואָכען און קריזי-געריכט.

און אדמיניסטראטיווע פאלען דורט לויט דעם ארט. 18 פון דעם מלוכה - פרעזידענט פון דער וועלבער פערארדנונג אריינצוטראגען א אנקלאגע צו דער לאנדעסדער מאכט פון בעאמטען, וועלכער פיהרט אדורך די עקזעקוציע, אויב זיין אויספיהרען איז אין נעגענשפרוך צו די פער-שריפטען.

ס. קרעמסקי.

ביי מאגען מיט נישט-רעגעלמעסי-גע הארץ-טעטיגקייט שאפט א גלאז נא-טירליך ביטער-וואסער Franciszka Józefa געגומען יעדען טאג פריה—א לייכטען פיהלזאַן שטוהל-גאנג. הארץ-פאך דאקטוירים זאגען, אז דאס וואסער Franciszka Józefa ווירקט זיכער און אהן בעשווערונג אפילו ביי שווער פארמען פון קלאפען - פעהלער.

פון דער אנגעזעהנער יודישער צייטונג און פראנקרייך „פאריזער היינט" — ה' אלפערן, מיט וועלכען פראָפ. איינשטיין האט זיך בעזונדער אינטערעסירט און אויסגעדריקט זיין פרייד און צופרידענ-הייט פון דעם וואס די יודישע צייטונג האט א גרויסע צאהל לעזער.

ה' אלפערן האט געהאט מיט פראָפ. איינשטיין א ספעציעלען שמועס וועגען ארץ - ישראל און וועגען די לעצטע טרויעריגע געשעהענישען, וועלכע עס איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין ווארשאווער „היינט".

דאס יודישע פאלק מעג זיין שטאלץ מיט איהר גרויסען זוהן דעם פראָפ. אלבערט איינשטיין, דעם געניאלסטען געלעהרטען און גרעסטען מענש פון דער היינטיגער עפאָכע.

יעקב איזראַעלאָוויטש

וואס געהערט, וואס געזעהן

דער שפעטער ווינטער איז נישט בלויז א צרה פאר די פוטער און קא-לאשען סוחרים, נאראפילו פאר מיר האט כ'יבון צופרידען אז איך בעדארף נישט קיין סך קויהלען, פון דער צמיטער זייט אבער, איז דער ספק ווינטער און ספק-זומער אויך נישט אנגענעהם, ווארום ווען איך זעץ זיך שרייבען אן ארטיקעל וועגען דעם ווינטער, וועגען זיינע קעלטען און פרעסט, און וויל מעורר זיין די פערשידענע געזעלשאפ-טען אז זיי זאלען למען השם זארגען פאר די ארימע מאסען, וועלכע וואוי-נען אין די קעלערן און ליידען קעלט א. ז. וו. גיט מיר פלוצים די זון א שיין אייף און עס איז נאר זומער, מא קאַפּוטשע טהוט מען דאמאלס.

אויך היינט, ווען איך זעץ זיך שרייבען, קלער איך וואס טהוט מען, אינ-דרויסען איז טאקי טריעב, א הערבסט רעגענדיל טריפט און א קאלטער ווינט בלאזט אזוי אז עס זענען דא אלע סמנים, אז דער ווינטער קומט, אבער ווער ווייסט, אז אפילו די נאטור האט זיך איבערגעדרעהט מיט די פוס קא-פויער, עס קאן זיין אז מארגען וועט די זון ווידער אונפאנגען און איך וועל בלייבען א לוגנער...

פערפאלען אבער, אוך מהו דאס מיניגע און און האלבען חודש גרויזיגען בעגרוס איך דעם ווינטער, טאקי אביסעל צו שפעט געקומען אבער דאך געקומען. און אזוי ווי דער ווינטער איז שוין געקומען, דארפט איהר געזעל-שאפטען, איהר, דער בית לחם, די „עזרה" און די איבריגע אינסטיטוציעס זיך נעמען צו דער ארבייט און בעמיי-ען, אז איהר האט עקזיסטענץ רעכט, איי וועט אוהר טענה'ט, אז איהר האט קיין געלד נישט, מא ווען איהר וועלט געהאט גענוג געלד וועלט דאך נישט געווען קיין קונץ. אדרבה בעווייזט היינט און דעם שווערען קריזיס, ווען הונ-דערטער און טויזענדער יודישע פא-מיליעס זענען רואינירט, וועלכע לעבען נאך אביסעל הילף און אונטער-שטיצונג, אט היינט מעהר ווי אלע מאל נויטיגען זיך הונדערטער פאמיל-יעס אין אביסעל קויהלען און א מלבוש אויפ'ן לייב, דארף מען אנשטרענגען אלע כחות, אז מען זאל זיי קומען צו הילף אין דעם אנקומענדען ווינטער.

חבל על דאבדין.

איך בין א לאקאלער פאטריאט, איך האב שטענדיג שטאלצירט מיט מיין שטאדט טשענסטאכאוו, וועלכע האט געהאט א הערליכע אלעע, דאס איז געווען דער שטאלץ, דאס צירונג פון דער שטאדט.

ווען עס איז געקומען צו פאהרען א בעקאנטער, האב איך איהם שטענדיג געפיהרט אין די אלעען און אזאם גע-וויזען, נא גיב א קוק, ווי אזוי עס זע-הען אויס אונזערע גאסען, און טאמער איז געווען הערבסט אדער ווינטער ווען די בוימער זענען נאקעט, האב איך שטענדיג צוגעגעבען, אז ווען דו זאלסט זיי אנקוקען זומער ווען די צווייגען זע-נען בעבלעטערט, וואלסטו געהאט א גרויסע הנאה, ווארום די בוימער מיט זייערע דיקע צווייגען מיט די בלעטער האבען געבילדעט א טונעל.

ווען מען האט אפגעלטירט די גא-סען האט מען ווערע געשטראהלט פאר שמחה, אט איצט וועט מען שטאדט האבען א לעטיש פנים און אוך האב זיך מעהר געפרייט ווי איך וואלט מיין אייגען צימער אויסגעצירט מיט די שענסטע מעבעל און פייערסטע טע-פיכער.

נאר א אומגליק איז געשעהען, פאר טייערען ווינטער זענען אונזערע ליבע בוימער פערפרוירען געוואָרען און מע-לענדיג אריינשטעלען אויף זייער ארט אנדערע בוימער, האט מען אלע בוי-מער פון די אלעען אויסגעריסען און די גאס איז געבליבען ליידיג.

די אלעע, די שענסטע גאס פון דער שטאדט האט בעקומען א אויסטערלי-שע צורה, עס איז ממש א שרעק צו קוקען אויף איהר, ווארום די הייזער וועלכע האבען אויסגעזעהען לעמיש האבען היינט בעקומען א דלות'דיגען אויסזעהן, כ'זאג אייך גאנץ אפען אז עס איז מיר א וועהטאג אנצוקוקען די למדיגע גאס, וואס מאכט א אויסטער-לישען איינדרוק, אזוי ווי ביי איינעם וואס מען נעמט אוהם ארויס די שעה-נע פערלדיגע ווייסע צייהן און בלייבט מיט א ליידיג מויל.

זיי האבען טיר אמעקגענומען א שטיק פון מיין הארץ, דאס שענסטע, דאס טייערסטע, וואס האט מיך גע-מאכט שטאלץ מיט מיין געבורטס-שטאדט.

איהר וועט לאכען פון מיר, אבער אזוי איז, עס זעהט ביי מיר אויס ווי עס וואלט מיר געשטארבען א נאהנטער פריינד.

עס פעהלט מיר עפּיס, איך קאן זיך קיין ארט נישט געפונען.

מען שמועסט אפילו, אז מען וועט איינזעצען פרישע בוימער, אבער ביז זיי וועלען זיך פערפלאנצען און בע-צוהרען די אלעע אזוי ווי אמאל, וועל איך שוין זיין ווער ווייסט וואו...

מיט איין ווארט, מיט דעם אויסהא-קען די בוימער, האט מען מיר צוגע-נומען מיין שטאלץ אויף מיין שטאדט, אויף מיין לאקאלען פאטריאטיזם.

און מיט הארץ ווערטאג, זאג איך אויף די אויסגעהאקטע בוימער, חבל על דאבדין.

וואס ווילט איהר פון מיר?

איך מיין דאס די פרענקעל ירושה, מיר האבען געהאט דאס גליק אדער דאס אומגליק צו שרייבען וועגען די פרענקעל ירושה, וואס ציהט זיך שוין איבער 80 יאהר און די לעצטע צייט האט זיך אנגעהויבען א טעטיגקייט פון די יורשים פון 5-טען דור אויסצומאה-נען די ירושה.

נו, נו, האבען זיך א לאז געטהון צו מיר מענשען פון אלע זייטען, פאניע לווהן, דערבארימט אייך איבער אנ'ארי-מע אלמנה און איבער איהרע יתומים, מענה'ט צו מיר א יורענע, די ירושה זאגט דאך, אז מען דארף געבען די מיידלעך אויף נדן און די בחורים אויף בילדונג, איך האב אויך 2 דערוואקסע-נע מיידלעך און איין בחור, דערבא-רעמט אייך איבער מיר און זעהט אז אז מען זאל מיר אויסצאהלען די ירושה, העלפט אונז בעקומען די ירושה שרייבען צו מיר יודען.

און נישט בלויז פון טשענסטאכאוו, נאר אויך פון דער אומגעגנד, פון קרשעפיץ, פראשקא און פון קלאָבוצק קומען מענשען וואס רעכנען זיך אלס יורשים פון דער פרענקעל ירושה, אז איך זאל זיי אויסצאהלען די ירושה, אויסער דעם בעקום איך בריעף, יעדען טאג עטליכע בריעף מיט טענות, פאר וואס איך בין אזוי שלעכט פון צאהל נישט אויס די ירושה, אנדערע דראהען מיך, אז זיי וועלען מיך פערקלאגען אז איך האב געמאכט שותפות מיט די ברעסלער חברה לייט און אז איך האב גענומען א חלק אזוי אז מען זאל זיי בעראבעווען זייער מזל.

ווי איהר זעהט האב איך מיר גוט אריינגעטהון, איך ציטער אז איך וועל פאלען א קרבן פון די פרענקעל ירושה ווארום וויפיעל איך זאל זיי זאגען אז איך האב נאר געשריבען דאס וואס מען האט מיר איבערגעגעבען און אז געוויסע ידיעות וועגען דער ה' אפּ-יעש ווייסען, העלפט עס אלץ נישט, זיי ווילען נאר אז אוך, איך, וועלכער האב געשריבען פון די ירושה וועל זיי אויס-צאהלען זייער מזל.

וואס ווילט איהר פון מיר? געוועלד יודען ראטעוועט.

זיי הויבען אן צו לעבען.

איך ווייס נישט צי עס איז דערפאר

ל. קאפינסקי.

דאס סוחר'טום אמאל און היינט.

אין דער „משענסטאכאווער צייטונג" נומער 35 אונ'ם ארטיקעל „דער ריפארמירטער חדר" שרייבט ה' עובדיה חפתן בענרופענדיג דאס שאפען בוכהאלטעריע-קורסען ביי די „צעירי אמוני ישראל" צווישען אנדערען:

„עס איז שוין פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז דאס יודענטום און פוילען בכלל לעבט היינט איבער א שווערען עקאנאמישען קריזיס, אונזער עקאנאמישע סטרוקטור, וועלכע איז ביז-איצט געווען צוגעפאסט צו געוויסע אנדערע בערופונגען און לעבענס-ארטען—יעדענפאלס געגען פרימיטיווע — נעמט יעצט אן אנדערע פארמען און מער קאמפליצירטע פארמען און פון דער צופאסונגס-פעהיגקייט צו דער נייעשאפענער לאגע איז אפהענגיג נאטע דער עקאנאמישער גורל פון יודישען פאלק אין פוילען, ער איז דער-פון אפהענגיג, אויב מיר וועלען קענען רעראהאלטען אונזערע ביז-איצטיגע פאזיציעס, אדער מיר וועלען ח"ו פון זיי ארויסגעשטופט ווערען — וואוהין ווייס אפשר בורא-עולם".

די לאגע איז ריכטיג געשילדערט, אבער אויך חוץ פרעגען דעם ה' עובדי' חפתן צו דארף מען ערשט האבען עקאנאמישע קריזיסען אז מען זאל זיך ערלויבען אויף אזא „לוקסוס" ווי לער-נען בוכהאלטעריע? און צי האט מען דען נישט בעמערקט אפילו אין די בעסטע נארמאלע צייטען די קאטאסטראפאלע ענדערונגען וועלכע זענען פארגע-קומען אונ'ם עקאנאמישען לעבען בכלל און אונ'ם סוחרישען גופא?

דאס סוחר'טום האט פאלד און אנ-הויב פון איהר ענטוויקלונג פארנומען דאס ערשטע ארט אין פראפעסיאנעלען צוויינג דער שווער-פונקט פון עקאנא-מישער ענטוויקלונג. שוין אין די צייטען פונ'ם אלטערטום און מיטעלאל-טער זעהען מיר אז די אלע מלחמות וועלכע זענען דאן פארגעקומען זענען אויפגעשוימען צוליעב דער ריוואלי-זאציע אויף דעם האנדעלס-פעלד און דאמאלס האט דן שווערד רעצידירט אונזער'ן גורל פון פאלק.

היינט לעבען מיר און א צייט ווען דאס קולטורעלע גייסטיג ענטשיידעט וועגען דעם גורל פון יעדען פאלק, אין א צייטע פון גייסטיגען קאמף, צו וועלכען עס גרייטען זיך אלע ציוויליזירטע פעלקער ד. ה. אז זיי גרייטען צו זיין געהעריג דעם פראדוקטיווסטען עלעמענט אין דער געזעלשאפט און בעיקר דעם סוחרישען קלאס, מיט העכערע האנדעלס-בילדונג.

געגען אנדערע שטעלט זיך אבער די זאך פאר ביי אונז יודען איבערהויפט ביי די קאנסערוואטיווען, וועלכע ווילען נישט אנערקענען אז דאס וואס מען האט ביז-איצט ערלעבט א דאנק דער ערפאהרונג קען מען אונזט ערווערבען דורך טעארעטישער אויסבילדונג. די געזעלשאפט לעבט נאך אונטער'ן איינ-דרוק פון דער וועלט-מלחמה, ווען מען האט געקענט ערווערבען א פערמעגען, נישט רעכענענדיג דערצו די גייסטיגע אונטעלוגענץ און סוחרישע קוואליפי-קאציעס. היינט אבער, ווען די עקאנא-מישע פערהעלטנישען נארמירען זיך און א קלענער טייל פון דער געזעל-שאפט האט זיך איבערצייגט, אז דער האנדעל פון דער היינטיגער צייט פון עקאנאמישען לעבען, האט אויפגע-הערט צו זיין א ריינע פראפעסיע און א סוחר קען נישט זיין דער, וועלכער האט נישט די טעארעטישע אויסבילדונג (מיר רעדען נאטירליך וועגען די עלעמענטארסטע) ווייל דאס עקאנאמי-שע לעבען איז ענג צוזאמענגעבונדען מיט אלע געביעטען פון דער געזעל-שאפטליכער יורידישער און געזעצליכער סטרוקטור, און דערוועגען זע-נען די היסטארישטען פון דעם דאזי-גען געגענט דעם סוחר זעהר נויטיג.

דערייבער זעהען מיר אז דאס סוחר-טום נעמט אן היינט מעהר דעם פראפעסיע-קוואליפיקאציאנס-כאראק-טער און דאס היינט אונז שוין די אונ-געהויערע ראקסענדע צאהל פון מיטע-לע און העכערע האנדעלס-שולען אין אויסלאנד (ביי אונז אין פוילען ווערען די האנדעלס-היסענשאפטען נאך שוואך געלערנט, יעדענפאלס מעהרען זיך די דאזיגע שולען) אלענפאלס איז פון דעם צו זעהען אז די מאדערנע עקאנאמישע סטרוקטור איז אזוי אונגע-הויער קאמפליצירט געווארען, אז מיר האבען שוין א זעהר רייכע האנדעלס-ליטעראטור.

עס זענען פארהאן מענשען וועלכע גלויבען דאס אויב מען קאן בוכהאל-טעריע קען מען שוין דן גאנצע מע-דערנע קונץ-שטיק פונ'ם האנדעל. מי לעכערליך איז די דאזיגע מיינונג, בוכ-האלטעריע איז דאך קיים אפן אות אין דעם רעכענען „אלף בית" האט רופט זיך „האנדעלס-וויסענשאפט", און מיר יודען וועלכע האבען פון שטענדיג פון פארנומען די העכסטע פאזיציעס אויף דעם געביעט דארפען זיך נישט לאזען ארויסשטופען פון די דאזיגע, און מיר דארפען זיך געהעריג צוגרייטען צו דעם ראזיגען קאמף נישט בלויז מיט בוכהאלטעריע, נאר מיט אלע אנדערע צווייגען פון די האנדעלס-וויסענשאפ-טען ווי צ. ב. פאליטישע עקאנאמיע, געזעצען, שפראכען א. ז. וו. ספעציעל דארפען מיר גרונדליך בעזיצען די לאנדעס שפראך, כדי זיך צו קענען פערטיידיגען אין די געהעריגע אמטען.

ביי אונז אין משענסטאכאוו דארף אויפגעריכט ווערען א פאך-שולע אויף דעם געביעט און פאר דעם דארפען אלערערשטענס זארגען די עקאנאמישע ארגאניזאציעס וועלכע דארפען אויף דעם געביעט צוזאמען ארבייטען. עס דארפען געשאפען ווערען עקאנאמישע קורסען, פון צייט צו צייט פערנאנשטאלטעט רעפעראטען ווערען אויף פאנדעלס-קאנטראקטען, סטאטיסטיק, און בכלל אלעס וואס קומט פאר און דער האנ-דעלס-וועלט. מיר האבען אין אונזער שטאדט גענוג קרעפטען וועלכע וועלען זיך געוויס אנערמען דער דאזיגער אר-בייט און זיי געהעריג אדורכפיהרען. מיר דארפען נישט דורכאוס האבען קיין דיפלאמען, וועלען מיר בעסער האלטען פון דעם פרינציפ: „פאר'ן לע-בען און נישט פאר דער שולע דאר-פען מיר לערנען".

עס איז צו האפען אז די יודישע געזעלשאפט וועט ענדליך פערשטעהן די וויכטיגקייט פונ'ם פראפעסיאנעל-אויסגעבילדעטען סוחר'טום און מיט שטעלען און דרייסטקייט וועלען מיר קענען אונטער נעמען אינ'ם קאמף וועגען א געהעריג ארט אינ'ם עקאנאמי-שען לעבען.

דאס און יענץ.

מען זאגט...

מען זאגט, אז בעת דער לעצטער בערייכטס-פערזאמלונג פון די חיינע קלייטהענדלער, האט דער געוועזענער ה' הערטסקרויט געהאלטען אויסנוצען די גע-לעגענהייט (אנדערע זאגען אפילו אז ער איז ספעציעל צוליעב דעם געקו-מען) און מופה זיין אונזער שטאדט מיט א פאלקסטימליך קרעמיל, גרינדען אונז אן אפצאהלונג פון דער „מעכטיגער" פאלקס-פארטיי, הילענדיג אנחויבען ביי די קלייטהענדלער האט ער פאר זיך געטראפען א בעהאופטונג נאציא-נאל-געשטימטע מאסע און דער חשובער נאסט איז געבליבען אנטוישט געהאר-ען.

מען זאגט, אז דער אגודה-פארשטע-הער און ווארשאווער קהלה-ראש וועל-כער האט ערקלערט אז די אגודה-פראקציע איז נישט געגען דעם „בע-שפיילען" די קינדער פון די ציש"א שו-לען דורך דער קהלה, האט דאס גע-מיינט דעם מוין רוחני, די „נייסטיגע שפייז" וועלכע די קינדער בעקומען אין די דאזיגע שולען, ער ערקלערט אבער קאטעגאריש אז זיין פונה איז געווען פשוט, ווארום זיי זענען בכלל נישט קיין פילאזאפער און האבען נישט קיין הינטער-כוונות.

מען זאגט אז דער „בונד" פערע-רענדיג פאר זיין פרעגער-אונבעקומער-נעס חבר אין ווארשא (ווי לאנג נאך וועלען זיי אויפברענגען יונגע לעבענס דורך זייערע אונזיניגע דעמאנסטראצי-עס) א קבר אין שפנות פון חבר קלמן קאטאשינסקאבער, איז דאס געווען דער-פאר, ווייל זיי זענען אויך נאר וואולט יונגען ביז צום קבר, און דערנאך זע-נען זיי גלייך מיט אלע קלעריקאלען און הילען אויך שטענדיג חשוב'ע קברים.

מען זאגט אז אין דער לעצטער רע-דע האט דער גרינבוים האט געהאל-טען און סיים, בעת ווען ער האט שטארק אנגעגריפען די אגודה ווער ער זיך האבען אויסגעדריקט אז די אגודה געהט שטענדיג מיט דער שטארקער מאכט אפילו מיט די רוסישע און די-טשע אקופאנטען, אנדערע חודער זא-גען אז ס'הויבט זיך נאראישט אן, אז ער האט די דאזיגע הערטער לגמרי נישט געזאגט, ותראינה זיי געפונען זיך גארנישט אין די סטענאגראפישע פער-בערוכטען.

מען זאגט אז די ווארשאווער מי-טאג-בלעטער האבען קבוצת הדרך, ותראית, אז אין דעם „ראדוש", וואס קומט שוין קיין משענסטאכאוו 1 א ווינער פונטע איז געווען א „גענויער בעריכט" פון דער סיים-זיצונג, וואס האט זיך אנגעהויבען 12 א ווינער מי-טאג דעם זעלבען טאג. זיי די רעדאק-טארען זאגען אבער: די פראווינצער בהמות קענען עפען שעצען, אבו מיר וועלען פון זיי בעקומען די צעהנער-לעך.

ליפא.

וועגען דעם ליטעראריש-קינסטלערישען אווענד פונ'ם דראמאטישען קרייז ביים „טאז".

דער פארגעקומענער אווענד פער-געגנענעם שבת-צו-נאכטס אינ'ם „תער-מא"-זאל, מוז מען מורה זיין, איז און שלגעמיין אדורך העכסט געלונגען.

אויבהאויל אז מ'זול, איז די אויפ-פיהרונג נישט אונגאנצען פריי געווען פון אייניגע אונפינקטליכקייטען מצד די שפולער, אז שפראך-לאפסוסען און פעהלערהאפטע אבהענגונגען פעהאוסט-זוניג פונ'ם טעקסט.

אזוי צב"ש, הטלט מען געקענט דעם ה' קויפמאן — וועלכער אלס נישט-לאנגיעהריגער אמאטער שפיעלט ער גאנץ נישטקשה'דיג — אנשיעען רע און דערט אויף קלענערע משתים — כ'הטלט זאגען: מעות'ן פון הבחור חוצער — הטם אין דער רטל אלס קאנפעראנסיע האט ער, נאך דער רעק-לאמאציע פון „מענש" דורך פרל. מעלעקאחימש, אויפגעדרוקט זוך „זי איז דא געבליבען און די הויבע חום-לען, גענרייפט אוש צום כסא הטלפות" פיינענדיג צו זאגען צום כסא הכבוד.

און מ'הטלט אויך געקענט זיך אב-שטעלען אונ'ם בילדעל „ברולאגטען" אויף דער נישט-ענטשפרעכענדער אויסשטעלונג פון דער „עמיגראנטקע" (פרל. מעלאקאחימש), וועלכע האט אלס קאפ-בעדעק געטראגען א שמארץ טוך מיט א בלאנק-הוט מיכל פון הינטען איבער'ן שטערן, וועלכע האט דאדורך געהאט מעהר אויסגעזעהן פון א „וואקאניצע" אדער גארמהערציגע שוועסטער... און צו דעם איז די ערו-מע עמיגראנטקע געווען בעשוכט מיט א פאר העכסט עלעגאנטע געלע פאנ-טאפעלעך מיט שלאפעלעך...

און הויפטזעכליך, צו-האט עפיס דער ערגיינצער „בלינדער מאטוח", וועה-רענד אינ'ם טעקסט ביים חבר (דער טונקעלער) חן אויך אין דער ערשט-קלאסיגער אויפפיהרונג פון דעם שטיק דורכ'ן „סמבטיון" פיגורירט אזא מע-טוח אונגאנצען נישט; צוויישענס, האט דאך די וועלט „עמיגראנטקע" ערשט מיט א סעקונדע פריהער דערציילט דעם רעדאקטאר, דאס מ'האט איהר ארויסגעגנבעט ס'געלד מיט די דאקו-מענטען און חייט פאהרענדיג נאך אמע-ריקא, נו, פרעגט זיך קודם, פון ווען אן לאזט מען דאס שוין ארויין נאך אמעריקא בלינדע עמיגראנטען?...

נור דאס אלץ איז פערהעלטניסמע-סיג קליינינקייטען, נעמענדיג און בע-טראכט, אז און אלגעמיין חי שוין אויבען געזאגט, זענען די גוטערען פון דעם רייכען, פערשידענארטיגען פראג-ראם גלענצענד אויפגעפיהרט געווארען און דער עולם — גראד א בעסער פובליקום—האט זיך וועלטען גוט אמוי-זירט און טעמענטענען האט דער זאל פשוט געתוילכט פאר גלעצבער מיט פרעהרען און אפלאדיסמענטען, ביי דעם ס'איז בעזונדער הערט צו דער-מאנען דעם ה' פראנק און זיינע זעהר געלונגענע רעלען אלס משוגענעם אין פינסקי'ס מאנאלאג „געשלעגען א מע-טען" און אין שלום עליכם'ס „מזל-טוב" אלס ר' אלטער.

חי אויך דאס מרעפליכע און גראצ-יעזע שפילען פון פר. רעזינער אלס די יודענע, דן מלמד'קע, וועלכע מאכט א מעגרעם און רעדאקציע, פארהאס מען בעשרייבט נישט און דער צעטעלונג דן רצוחה פונ'ם „טאז", וועלכער חול ביי איהר מאן אהערגעסען ס'חדר מיט דן קינדער... הייל ס'איז נישט „געניש"...

נישט קיין קלענערן בצפאל האבען געהאט אינ'ם טאנץ „שאטע שפנול" ה"ה גובער, בארנשטיין און לפירות, וועמען ס'פובליקום האט שטורמיש ארויסגע-רופען אויף „בים".

קורץ: ס'איז העכסט געהונשען, אז אזאלכע קינסטלעריש-ליטעראריש אווענדען פון דעם רעהו-ושטנר, דורך דער שוין אנערקענטער דראמאטישער סעקציע ביים „טאז" וואלען פארקומען האס אפטער, דאכט זאל נישט צווישען די אפישען און די גאסען און די אנאנ-סען און דער פרעסע נישט חודער הערשען קיין „טיינונגס-פערשידענהיי-טען" בנוגע דעם ארט פון דער פאר-שטעלונג... און זאל דאס פובליקום נישט דארפען זוכען דעם אהענד און פערלעשער-זאל און ענדליך געפונען אין דער „הארטא"...

Radomskowski.

מיל איך האב, ווי אויפגעוועקט, אבער עס איז אזוי ווי זיי זאגען, אז זיי האבען געהערט אויף די סטאטוטען ביז זיי וועלען לעגאליזירט ווערען, א פאקט איז, אז נאך מיין בעמערקונג אז די געזעלשאפט „עחיעזר" איז געשטארבען האט זי צוריק אנגעהויבען אויפצו-לעבען.

און עס איז געווען א מעלדונג און דער צייטונג אז די געזעלשאפט עחי-עזר האט אנגעהויבען איהר טעטיגקייט און שוין געדונגען א לאקאל און זי נעמט אן מיטגלידער.

כאטש אויך זאל עס אין א נויטער שעה ארויספירען געהט עס אוהר עפיס נישט, ווארום פון דער דורה האט זי האט געהאט געדונגען אויף דער סטראוושאצקא גאס מיט א מע-דעטען מיט אלע זיבען זאכען איז גאר נישט געווארען און זיי האבען געמוזט באלד אויף צוזאמעגעפ רונגען א צווי-טע דירה אויף סטאדעק גאס.

זאל זיין ווי עס וויל, אבער די איני-סטיטוציע עחיעזר, וואס מען האט גע-מיינט אז זי איז געשטארבען א גפל'ע הויבט אן צו לעבען.

ווי אזוי דאס לעבען וועט אויסזעהן וועלען מיר שפעטער זעהן.

רערמאל מוז מען פעסטשטעלען אז עחיעזר האט די אויפגאבע קומען צו הילף בעת מען שטארבט — הויבט אן צו לעבען.

א גרוס פון דער „קראליעווא יאדוויגא".

שוין גאנץ לאנג האט די יודישע „מלכה" יאדוויגא נישט געלאזט הערען פון זיך, און אויך האב געטראכט, אז אויך האט זי האט רעזיגנירט פון כסא המלכות און בעשטעהט אויף א דע-מאקראטישע רעפובליק, נאר לעצטענס האט זיך די יאדוויגא ווידער בעוויזען אויפ'ן הארוזאנט.

יענע וואך האט די יודישע „קעניגען" בעזוכט אונזער רעדאקציע און אונז דערצעהלט, אז א מלאך איז איהר געקומען צום חלום און איהר אנגע-זאגט אז עס איז געקומען די צייט פון איהר קיניגען, און די יודען ווערען אויפגעפאדערט צו געבען דאס געלד כדי צו קויפען די שיפען וואס וועלען פיהרען די יודען קיין ארץ-ישראל.

אלס פינאנץ מיניסטער האט זי בע-שטימט דעם פרעזעס פון דער יודי-שער קהלה און אויך דערפאר האט איך שרייב וועגען דעם, אלס אויסערן-מיניסטער, ווי האט אפילו אויסגערע-כענט דעם גאנצען צעטיל פון אלע איהרע מיניסטערען, נור צוליעב פלו-כה ריסקרעציע וועלט איך זיך דער-הייל אב זיי צו פערעפענטליכען.

ספק חי אונזער יודישע מלכה האט זיך נאך נישט אבגעזאגט פון דער קרוין.

זיבען פראצענט צוקער.

אינטערעסאנט וועגען די מעגית האט עס קומט ארויסצוהערען וויצענדיג און דער קהלה.

מילא שרייבען וועגען אלעם איז פשוט נישט מעגליך, ווייל עס וועלט אויסגעפעהלטס פונט, פעטער און גע-רולר, אבער פון ציים צו צייט פערציי-כענען פערשיעדענע קוריאזען מאכט נישט אויס.

עס איז איין קוריאז פון א סך:

עס קומט ארויין א יודענע מיט א מענה חלמאי מען האט איהר געשיקט מאהנען עטוס 10 גילדען א יאהר, ווען ערום קען זי צאהלען עטאס אז איהר מאן איז קראנק, אז ער איז גע-ווען חוי-יאהר אין קראנקען. און טעטער הילט איהר מיר נישט גלויבען האט איהר די דיאגנאזע פון דאקטאר, אז מיין מאן פערטאגט 7 פראצענט צוקער.

דער פרעזעס וועלכער האט דער-ווייל ערלעדיגט א צחייטען ענין האט נישט אויפגעכאפט וועגען וואס די יו-דענע רעדט, ער האט נאר געהערט דאס לעצטע ווארט צוקער, גיט ער זיך א פרעג האט אבער מאן האנדעלט מיט צוקער. יא, שרייט די יודענע, ער האנדעלט, ער האט 7 פראצענט צו-קער, האט מעלט פרעגט דער פרעזעס, האט האסט פערשטעהט נישט די ווי-דענע, ער איז קראנק, ער האט צוקער גאנצע 7 פראצענט.

דער פרעזעס פערשטעהט אבער הייס-מער נישט, פארוואס, אז ווען א מענש האט 7 פראצענט צוקער זאל נישט קענען צאהלען קיין 10 גילדען עטאט.

איך לערן זיך שחיטה.

א סוף זאל עס נעמען, איך מפריש אוועק אלע פרנסות און נעם זיך צום שחיטה-פאך ווארום נישט קוקענדיג דערויף וואס די שותפים מיינען אז זיי פערדינען נישט און אז אויך בין זיי אויסזופט מקנא, פונדעסטוועגען מאך איך דאס געשעפט, איך לערן זיך שחיטה.

דער געדאנק איז מיר געקומען און קאפ ארייין צוליעב פאלגענדען פאל:

די וואך בעגעגענען מיך 2 שוחטים און האפען צו מיר א טענה באשר איך האב זיי קרומיקירט אז זיי פערדינען צו 300 גילדען א וואך אויסער קיש-קע-מילצען און פונדעסטוועגען זענען זיי נישט צופרידען און זיי האלטען אין איין שרייען, מז מען בע'עולה'ס זיי לאן וועגען זיי נרפס אויפצוהיזען אז עס איז נישט ריכטיג, אמת איז אז עס האט זיך געטראפען א חודש אדער 2 אין יאהר, האבען זיי געהאט לערך 300 גילדען א וואך, אבער ווען מען בערע-כענט אויף א גאנץ יאהר מאכט מיר אויס נישט מעהר חוץ לערך 200 גיל-דען א וואך און מינהה וביית שלעפט אפן שוחט ארוים זיין גאנץ-ביינכעל און חיום מיר שמארץ אויף חצם א געגויען חשבון.

און בין געבליבען א ביסעל גע-פלעפט. ווארום 200 גילדען א וואך איז דאך נישט קיין 300 און איך האב זיך געמאלט פערמיידונגען פאר זיי, נאך באותו הרגע האב איך זיך פישא געוען, אז איך וועל זיך לערנען שחיטה, מ'וועל אויף ווייניגער אויך בעשטעהן, איך וועל זיין צופרידען.

אזי מען דארף קאנען די מלאכה, איך מיין מעקע שחט'ן, נאר דאס איז שוין א קלייניגקייט, ווער קען דאס מיינטו-גע צייטען נישט יענעם אבשחט'ן מען דארף נאר זיך אויפלערנען ברקענען ווארום פון ברקענען לייגט מען אויך נישט צו.

הכלל, איך לערן זיך שחיטה.

די געוועזענע חברים קומען דאך צוהילף.

אויף א פערזאמלונג פון קצבים, עס זיצען אלטע יודען און פיהרען א דיסקוסיע, דער רעדט אזוי, דער צווי-טער רעדט גאר עפיס אנדערש. פלו-צים שטעלט זיך אויף א יונגער קצב און בעט פארטעל דאס ווארט און לייגט אוועק א דרשה וועגען הלכות פארלא-מענטאריזם און מוסר'ט אוים די חברים באשר זיי הייסען נישט ווי צו פיהרען א פערזאמלונג און ער הויבט אן פיה-רען און עס געהט א גאנג.

אזוי איז ביי אלע אנדערע פראגען.

איך קוק זיך אפן אין די יונגע קצבים האט הייסען ווי אזוי צו פיהרען א פערזאמלונג און דערקען אין זיי חברים פון 5-טען יאהר, קיין חברים זענען זיי שוין לאנג נישט, אבער ווי אזוי צו פיהרען א פארטעלע זיצונג האבען זיי נאכנישט פערגעסען.

פויתן.

מיר פערלאנגען א ענטפער.

ווען בעשאוסס האט די באנק ספול-דזיעלטשאַ אין ווינער צייט אויסגעשלאָסען אלס מיטגליעדער פון דער באנק א רייהע האנדווערקער וועלכע וועגען לויט'ן שלחן ערוך פון דער באנק שעדליך פאר איהר, פלופרט'ס דערפאר ווייל מיר האבען געגרינדעט די האנד-ווערקער-באנק (א גרויסער חטא) און דאבעי האבען זיי פערגעסען, אז א גע-וועזענער דירעקטאר זאל זיין פאר אלע גלייך, אזוי פאר האנדווערקער ווי פאר סוחרים' און איך וויל זיך פרעגען: פרעגען פאר-וואס וועגען נישט אויסגעשלאסען גע-ווארען פון דער באנק ספולדזיעלטשאַ די וואס האבען געגרינדעט די סוחרים-באנק און אויך די וואס האבען גע-שטיפט די אגודת-באנק ביי אונז? און ווי קען מען דאס אזוי האנדלען ווען עס איז נוגע די לעבענס-אינטערעסען פון מענשען?

אבער נישט דאס בין איך איצט אויסען, איך וויל אצינד נאר אנפרע-גען די פערוואלטונג פארוואס גיט זי נישט קיין ענטפער אויפ'ן פערשלאג פון ה' ערליכמאן וועלכען ער האט אריינגעטראגען אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, אז די פראגע וועגען די אויסגעשלאסענע האנדווערקער ווערט איבערגעגעבען דער פערוואלטונג צו ער-לעדיגען?

צי ווייל דאס מאקי ווייל אזוי ווי ה' פיליפאוויטש האט זיך דאמאלס אויס-גערדריקט אויף דער אלגעמיינער פער-זאמלונג, וועלכער האט געזאגט אז ווען דער ענין איז נאר איבערגעגעבען געווא-רען אין ווייטערע הענד, וועלען זיי שוין וויסען וואס צו טוהן. און פארוואס האט די פערוואלטונג פון דער באנק ספולדזיעלטשאַ ביז היינט דעם ענין נישט ערלעדיגט?

עס קען ביי מאנכע מאכען דעם איינדרוק אז מיר ווילען זיך אריינריי-סען אין דער באנק, ערקלער איך קא-טעגאריש אז ניין, עס נעהמט אונז נאר און פרינציפ, פארוואס דאס איז אזוי און פארוואס ווערט דען ווען נישט ערלע-דיגט, אויף וואס מיר פערלאנגען אנ-ענטפער.

א. ווייס.

וועגען די 5-זלאטי מטבעות.

עס מאכען זיך לעצטענס פעלען, ווען מען קאנפיסקירט די ווילבערגע 5-זלאטען מטבעות, אויף וועלכע עס איז נישט פערהאן דער צייכען פון דער מינצעריי. דער צייכען געפינט זיך געוועהנליך אונטער דער אלגעמיינער פיגור אויף דער מטבע.

און צוזאמענהאנג דערמיט, ערקלערט די „באנק פאלסקי", אז די איצטיגע ווילבערגע 5 זל. מטבעות וועגען אויס-געפרעגט מעלחסי און דער מלוכה'שער געלד-מינצעריי און ווארשא און אויף די דאזיגע מטבעות געפונט זיך דער צייכען פון דער מינצעריי. א טייל איז אבער אויסגעפרעגט אין ברוסעל, אויף די ברוסעלער מטבעות וועגען נישט פערהאן קיין צייכענס.

צוליב דעם איז דעם פעהלען פון דעם מינצעריי - צייכען קיין פעהלער נישט פאר די מטבעות. זיי וועגען גלייכבערעכטיגט מיט די, וועלכע פערמא-גען יע דעם צייכען.

יודישע ווירטשאפטס-פראגען.

נאר וואס איז ערשינען דער נאוועמ-בער-נומער פון זשורנאל „ווירטשאפט און לעבען", ארויסגעגעבען פון ארט-פערבאנד (בערלין) און רעדאגירט פון'ם בעקאנטען יודישען פובליציסט בן-עדיר (א. ראזין). די דאזיגע צייט-שריפט איז ביי היינטיגען טאג דער איינציגער יודישער ארגאן, וואס איז געווידמעט די אקטועלע פראבלעמען פון דער יודישער עקאנאמיק. די אנ-געוועהנטסטע יודישע עקאנאמיסטען און פראקטישע טוער אויפ'ן געביעט פון יודישען ווירטשאפטליכען לעבען בע-האנדלען דא אויף א גרונדליכען אופן די פערשיעדענסטע פראגען פון דער יו-דישער עקאנאמיק און פערשיעדענע לענדער. די רובריקען און פעליעטא-נען, וואס האבען זיך אנטוויקעלט אין די לעצטע נומערן פון זשורנאל, הא-בען איהם געמאכט באזונדערס אינטע-רעסאנט און לעבעדיג. אויך דער נייער נאוועמבער-נומער ברענגט איינציגע אינטערעסאנטע און בעלערענדע דוס-קוסיעס-ארטיקלען.

אין אלגעמיינען איז דאס א נומער מיט א רייכען שטאף און אינטערעסאנ-טע אויספיהרען.

גלייכצייטיג איז ערשינען דער נומער 11 פון'ם צווייטען ארגאן פון ארט-פערבאנד — „ארט-ידיעות". די דאזי-גע אויסגאבע האט שוין פעהיגען צו הערען פאפולער אין די ברייטע קרייזען פון די, וואס אינטערעסירען זיך מיט דער ארט-בעוועגונג. זי דערציילט אונז אין א געענדערטער פארם, פון א ביולעטין, געווידמעט ספעציעל דער ארבייט פון ארט, איז זי פערוואנדעלט געווארען אין א ארגאן פאר ווירטשאפט-ליכע און טעכנישע פראגען, וואס קענען אינטערעסירען א ברייטערן קרייז לעזער. ענטשפרעכענד איהר נאַ-מען כאראקטער וועט זי פון'ם קומענ-דיגען חודש אן הייסען: „עוג'ם ווירט-שאפט און אויפ'ן פעלד".

דער נייער נומער ברענגט איינציגע אינטע-רעסאנטע ידיעות וועגען דער עקאנא-מישער לאגע פון די יודען אין פוילען, ליטע און רומעניען וועגען פראפעסיא-נעלער בילדונג ביי די יודען, ווי אויך א רייה מיטטהיילונגען וועגען לעבען פון ארט-פערבאנד.

לונגען - קראנקע!

פרעגט אייער דאקטאר און ער וועט אייך בעשטעטיגען, אז פון סוכאטעס שטארבען מעהר מענשען ווי פון אנדע-רע קראנקהייטען דעריבער דארף יעדער וואס ליידט אויף הוסט, בראנכיט, כריפ-קע, לונגען - פערפלעגמונג און קאקלוש נעמען זיך צום היילען אלס גוט מיטעל אויף לונגען - קראנקהייטען האט זיך ארויסגעוויזען דער פרעפאראט

FAGOSOL

ביים בענוצען פאגאסאל ווערט פער-לוירען אין א קורצער צייט דער הוסט, עס פערגרעסערט זיך דער אפעטיט און דער קראנקער נעמט צו אויפ'ן לייב.

פאגאסאל בעקומט מען אין אלע אפטייקען.

הויפט - לאגער

ה. ראזענשטאט, ווארשא

פלאץ גושיבאווסקי 10.

פון קליינהענדלער לעבען.

די סאסנאווצער האנדעלס - קאמער האט פונאנדערגעשיקט צו אלע סוח-רים און פאבריקאנטען און קלעצער הטיעתאודסטווא אנקעטעס, וועלכע דארפען אויסגעפילט ווערען און צו-ריק אבגעשיקט ווערען אין האנדעלס-קאמער.

די ארט וועלכע האבען וועלכע אנ-קעטעס ערהאלטען דארפען דאס נישט גרינגשעצען, ווייל די האנדעלס - קא-מער איז אין יעצטיגען מאמענט דער איינציגער ווירטשאפטליכער פארלא-מענט, וועלכער שטעהט אויפ'ן שטאנד-פונקט צו פערטיידיגען די ווירטשאפט-ליכע אינטערעסען פון סוחר'טום און דער יעניגער, וועלכער וועט די אנקע-טע נישט צוריקשיקען וועט נישט קע-נען גענייסען פון קיין הנחה מצד די האנדעלס-קאמער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער היגער קליינהענדלער-פערבאנד אלטער מארק 13 אויף זיך גענומען די אויפ-גאבע צו ערטיילען אין דער פראגע אינפארמאציעס ווי אויך אויסצושריי-בען די אנקעטעס פאר אלע אומזיסט.

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג יע-דען טאג חוץ פרייטאג פון 7 ביז 9 אבענד.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אינטער-ווענץ פון די פארשטעהער פון צענ-טראלען קליינהענדלער-פערבאנד ביים פינאנץ-מיניסטער, פיהרט די היגע אב-טיילונג צווישען איהרע מיטגלידער א רעגיסטער פון ערשטע שטייער-צאהלער וועלכע וועלען קענען גענייסען פון בע-פרייען ווי די פערלענגערטע שטייערן, אויך אזעלכע וועלכע וועלען קענען גענייסען פון לענגערע טערמינען דא-טעס.

בעת דיי ווייגאכטען קען הערשען א יום-טוב'דיגע שטימונג נאר דאמאלס, ווען די בלעצקעס וועלען זיין גוט גע-באקען, הויפטזעכליך דאס קלענערע געבעקס, חוץ די בלעצקעס און מאר-טען, דארף געראטען אי' טארטעלעטען. וועלענדיג באקען אהן מורא דארף מען בענוצען דר. עטקער'ס באק - פראשעק „באקין" און צופאסען זיך צו די אנ-ווייזונגען אין דר. עטקער'ס ביכעל מיט פארשריפטען, אויסגאבע „עף", וועל-כעס מען קען בעקומען אין אלע שפייז-געשעפטען, אדער אין פאל פון אויס-פעהלען גלייך פון דר. עטקער אין אליאש, נאר אין דער היגער חנוכה האט מען די זיכערקייט אז די פלעצלעך און קיכלעך וועלען געראטען ווי אמ-בעסטען.

פון דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע אין שטאדט.

מארגען שבת דעם 14|XII האלב 4 נ. מ. קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פארלע-זונג (אין גרער יודישער שפראך) פון חבר אליעזר קאמינסקי אויף דאס טעמא „די סימפאטיעס פון נישט יודען פאר'ן ציוניזם.

פון האנדווערקער-לעבען

אויסקויפען פון פאטענטען.

פון מאנטאג דעם 16 ד. ח. וועט דער האנדווערקער-פערבאנד אויסקויפען פאטענטען פאר זיינע מיטגלידער. דער קאנצעלאריע איז טעטיג יעדען טאג פון 10—1 פריה און פון 7—10 אבענד.

פון יוד. צעך פון קצבים און ווורשטמאכער

זונטאג דעם 22 ד. ח. וועט פאר קומען ביי אונז אין שטאדט די ערעפ-נונג פון ערשטען צעך פון קצבים און ווורשטמאכער.

די אלע וועלכע האבען זיך ביז'ן היינטיגען טאג נישט רעגיסטרירט דאר-פען עס יעצט ערלעדיגען, כדי זיי זאלען נישט פערלירען די רעכט אנ-טייל צו נעמען אין דער פייערליכער ערעפנונג, וועלכע וועט פארקומען אין דער אנוועזענהייט פון דער רעגירונגס און קאמונאלער מאכט ווי אויך פער-טרעטער געסט מיט דער בעטייליגונג פון קרובה'שע צעכען פון אנדערע שטעדט. ק.

אויספלוג קיין זאקאפאנע

ווי עס מעלדעט אונז מיט די געזעל-שאפט פאר לאנדקענטעניש איז נאך כל-הכל פערבליבען 3 טעג ווען אנצו-צושרייבען אויף דער ווינטער-קאלאניע קיין זאקאפאנע, וועלכע וועט דויערן 10, 14 און 29 טעג.

דער ארויספאהר קומט פאר דעם 21 ד. ח.

גלייכצייטיג וועט דעם קומענדען זונ-טאג 4 נאכמיטאג פערקומען אין לא-קאל פון די האנדעלס - אנגעשטעלטע אלע 20 די ציהונג פון 2 געוואונסען צו פאהרען אומזיסט נאך זאקאפאנע.

נעגויערע ידיעות קען מען זיך דער-וויסען אין קאנצעלאריע פון דער גע-זעלשאפט.

KINO-TEATR

„CASINO"

KOSCIUSZKI 18

פילם, וועגען וועלכען די גאנ-צע וועלט דריקט זיך אויס מיט אנ-ערקענונג! שלא-גער איבער אלע שלאגערס! פילם איבער פילמען!

ŁÓDŹ PODWODNA

S. 44 SUBMARInE

פילם, אילוסטרירענדער די לײַדען פון א מאנס-פערשאַפט, וועלכער האט געהייראט א צולאזטע

רעכטלאזע פרוי! אונגעוועהנל. אינהאלט! אויסגעצייכענטע רעזשי און קינסט. אויספיהרונג

הויפט ראָל: זשאק האלט, ראלף גראוועס.

אויפ'ן אבגרונד פון ים 4 הונדערט מעטער פון לעבען

און מענשען קומט פאר א בלוטיגער קאמף וועגען א פרוי!

היינט פרייטאג און מארג'ן שבת לעצטע דריי גאסטשפילען פון לאדזער טעאטער „ארט".

דער לאדזשער קינסטלערישער מי-ניאטור - טעאטער „ארט" האט זיך שוין קונה שם געווען מיט זיינע גאסט-שפילען אין טשענסטאכאוו.

די לעצטע פארשטעלונגען וואס זע-נען געגעבען געווארען דעם פערגאנ-גענעם מאנטאג און דינסטאג וועגען געווען גלענצענד. „ארט" האט זיך איינגעגעבען צו צוציהען די בעסטע קרעפטען פון אנדערע רעוי טעאטערן, ווי די בעליבטע קינסטלערין, די בע-קאנ'טע סוברעטין מאלחינא רעפעל, וועלכע האט ביי אונז געהאט א שטור-מישען ערפאלג פעריאהרען ווינטער.

דעם מאל האט מאלחינא רעפעל זיך ווידער אויסגעצייכענט מיט איהרע שלאגער נומערן „פרייטאג צו-נאכטס!" און „נאסען - מייזעל", וועלכע וועגען אויפגענומען געווארען מיט גרויס בע-גייסטערונג.

דער איצטיגער אנפיהרער פון „ארט" יוסף פטרוגאטש איז נאך גוט פערבליבען אין זכרון פון זיינע גאסט-שפילען מיט'ן „אזזועל". ס'איז נאך ווערט צו דערמאנען עולכע טאלענ-טירטע ערפולטען ווי יעקב מאנדעל-בלוט, משה פאפאשינסקי, נתן רא-כענבערג, יעקב זוצאנאזיקא, דזיגאן, גאלדשטיין, וועלכע וועגען אויפגענומען געווארען מיט שטורמישען ערפאלג. בעזונדער'ס די פיינע שוישפילערינס פעפע אוריך, די זינגערין פרים דאלסקא און די טעמפערמענטפולע שיינע מרים.

מיט דער מוזיקאלישער לייטונג פירט אן דער בעוואוסטער קאמפאזיטאר דוד בייגעלמאן.

דער „ארט" וועט ביי אונז נאך גע-בען 3 פארשטעלונגען.

פרייטאג צו-נאכטס ווערט געגעבען א פרעהליכער שלאגער אונטער'ן נא-מען „זמירות", שבת ביינאכט — א גרויסער געמישטער פראגראם „גלאט-כשר", די לעצטע פארשטעלונג וועט פערקומען שבת צו-נאכטס „גוט וואך".

ס'איז פראוואס צוועהן, אז אלע 3 פארשטעלונגען וועלען האבען גרויס ערפאלג.

וועגען פאטענטען.

ווי עס ווערט מיטגעטיילט וועט דער טערמין פון אויסקויפען פאטענטען הייַ-יאהר נישט פערלענגערט ווערען. דא-ריבער מוזען אלע וועלען אויסצוקויפען זייערע פאטענטען ביז דעם 31 דעצעמבער.

שוין דעם 2-טען יאנואר וועלען זיך אנהויבען די רעוויזיעס וועגען פאטענ-טען, און די דאזיגע וואס וועלען נאך קיין נייע פאטענטען נישט האבען וועט לען צוגעצויגען ווערען צו פעראנט-ווארטליכקייט.

די גראנדיעזע ארץ-ישראל אקאדעמיע.

די גראנדיעזע ארץ-ישראל אקאדע-מיע, וואס ווערט איינגעארדענט די טעג דורך דער היגער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע וואקסט צו צו זיין זעהר אינ-טערעסאנט.

בעת די לעבעדיגע בילדער וואס ווערען פארגעברענגט דורך פרץ. פרץ הילענבערג וועט געזונגען ווערען צום ערשטען מאל יעקב כהן'ס ליעד הכתל.

קליינער פעליעטאן.

פראטעסטען

נישט וועגען פראטעסטירטע וועק-סלען וועל איך היינט שרייבען, ווא-רום איך האב א טבע צו זיין אקטועל, און כידוע וועגען אין די היינטיגע צייטען פראטעסטירטע וועקסלען וועהר נישט קיין אקטועלע טעמא.

אויב עס געפונט זיך נאך אין דער פרעסע א נאטיץ וועגען פראטעסטיר-טע וועקסלען, איז עס צוליעב פשוטע פיספיק ווען מען מאכט א חשבון, וויפיעל מיליאנען וועקסלען עס וועגען פראטעסטירט געווארען אין משך פון א חודש, א האלבער מיליאן, א גאנ-צער מיליאן וועקסלען, אויף א האל-בען מיליארד און א גאנצען מיליארד זלאטעס.

ווי איהר זעהט, מעגט מען נישט דא צו דערצעהלען וועגען דעם עסק גופא, אז עס ווערען פראטעסטירט וועקסלען, ווארום אויף דעם קאן מען דאך פרעגען מאי קמשמע לן, וואס לגבי מען מוך הערען, וואס פאר א חידוש נייעס איז דאס, אויך מיר א געשעפט, פראטעסטירטע וועקסלען.

אויך וויל איך נישט דא בעריהרען די פראטעסט אקציע פון די פערשיי-דענע סוחרים און קליינהענדלער קע-גען די שווערע שטייער וואס קרעטשט זייער לעבען און עקזיסטענץ, ווארום די אלע פראטעסט פערזאמלונגען און פראטעסט רעזאלוציעס וועגען א ברכה לבטלה, ווי העלפען ווי א יקום פורקן צו א געשטארב. פערקעהרט, דאכט זיך מיר, וואס מעהר מען שרייט אז די פערדאטקעס דערשטיקען אונז, אלץ מעהר לייגט מען אויף אונז ארויף די שווערע לאסט, אלץ מעהר שרייט מען מע צו וועט פראטעסטירען, צו וועט שרייען, און איהר ווייסט דאך דאס אלטע שפריכווערטל, אז אויב מען שרייט נאך איז א סימן אז מען וועט צאהלען, עה וועט איהר ווען מען וועלט געשוויגען, וועט שטייער אז מיר וועלטען זיך געקענט אויסלאכען פון זיי, א דאמעלס מעגליך וועלט געוועזען א סוף צו אלעמען.

ארויסגעהענדיג פון די דאזיגע קאנ-צעפציע האלט איך, אז נישט בלויז דאס מען דארף צוליעב דעם נישט איינארדנען קיין פראטעסט פערזאמלונ-גען, נאר עס איז אפילו א שאד דאס פאפיר, עס אויפצושרייבען, דערווייל טאקי וועל איך איהם נישט שענקען קיין האלבע שורה אפילו...

איך וויל אויך נישט בעריהרען די אנגעהאלטענע פראגע וועגען די פרא-טעסטען מיט די סקאנדאלען, וואס קו-מען פאר אויף די סיים - טריבונע, ווארום ווען איך זאל אפילו האבען א קאפ פון א מיניסטער וועלט איך נישט געקענט דערגעהן א טאלק וואס די אפאזיציע, וועלכע בעשטעהט פון א ערב רב אנהויבענדיג פון די ענדע-קעס ביז די סאציאליסטען, וואס זיי ווילען מיט זייער אפאזיציע און זייערע פראטעסטען.

אויב איך האב א נאמען געגעבען מיין פעליעטאן פראטעסטען, איז עס נאר צוליעב די פראטעסטען, וואס וועלען זיך בקרוב אנהויבען צו שיטען אין אונזער יודישען וועלטעל, און נישט דארט ווייט אין די מרחקים אין ווארשא אדער אנדערשוואו, נאר טאקי ביי אונז אין שטאדט און אונזער הימישען יודישען לעבען.

די פראטעסטען וועגען פערשידענאר-טיג, איין טייל פראטעסטען האבען א צוזאמענהאנג מיט'ן ארויסטריט פון דעפוטאט גרינבוים אין סיים, וואו ער האט בעריהרט די פאליטיק פון די אגודה מיט נער, און דער אנדערער טייל פראטעסטען שטויסט מען ווייל זיין צוליעב דעם צווייפלונג וואס די קהלה פערוואלטונג האט מיט מיר דעם פערגאנגענעם שבת צו - נאכט גע-בווירען.

פראטעסט נומער איינס. דעפ. גרינ-בוים אלס פארשטעהער פון יודישען „פאלק" האט פון דער סיים טריבונע בעת עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער פראגע אויסצודרוקען אומצופרידו דער רעגירונג, האט ער אלס שליח פון יודישען פאלק זיי פרויונט דעם אמת אז מיר יודען ד"ת די מאטע, די וועלכע לעבען און די ערגסטע בעדריק-גונגען ווערען נערגישט געהאלפען ביים היינטיגען רעזשים און מיר ווילען אויך לעבען ווי מענשען און אויב די היי-מישע רעגירונג פיהרט אויף א רעמטש-קראטישען אופן אנ'אויסראטונגס-פאלי-טיק לגבי די יודישע מאסען און פוי-לען האבען מיר צו איהר נישט קיין צוטרוי און אנב אורחא האט ער בע-רוהרט די שעהנע פאליטיק פון דער „אגודה", וועלכע פיהרט א פאלשע הכנעה-פאליטיק. ער האט עס אויס-געוויזען מיט פאקטען און דאבעי זאל ער האבען געזאגט, אז דעם „הנותן תשועה" פון אלע צייטען האבען זיי, די ארטאדאקסען, געשעפען כאטש און דער רעדע געפונט זיך דאס לנכרי נישט.

נו, נו, האבען זיך די אגודה'שע פאליטיקאנער אביסעל צולאזט און אנ-געהויבען שרייען געוואלט, מען האט „געססר'ט" דאס יודישע פאלק, ווארום דאס פאלק ישראל וועגען מיר רעכט די ארטאדאקסען איז וואס מהוט מען, מיר וועלען פראטעסטירען און נישט לא-זען מחלל זיין דעם הייליגען נאמען פון די איינציגע אמת'ע אתה בחרתנו'-ניקעס.

און חיות, ווי אונזער שטאדט פער-מאגט אנ'אבטיילונג פון דער אגודת ישראל וועלען ביי אונז מסתמא אויך פערקומען פראטעסטען געגען דעם „עוכר" ישראל.

נומער צוויי: מען שמועסט אז אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג האט זי נעבווירען א צווי-לונג ד"ה מען האט צוגענומען צוויי בעאמטע, וואס פאר א פונקציע זיי וועלען אויספיהרען איז נאך נישט בע-וואוסט, אבער נישט דאס איז חידוש מסתמא וועט זיך שוין געפונען פאר זיי א בעשעפטיגונג, די מעשה איז אבער וואס דער אופן פון צונעמען איז פערגעקומען אויף א „מאדערנעם" אופן אין ווי מ'זאל נישט זיין האט דער רעט אויך עפעס א דעה און דעם ענין.

יא, דער רעט נעביך, טראפ-מען זיך נעהמט פיעל דאזיגעס, וועל-כע האלטען דעם גאנצען רעט פאר חדר-יונגלעך און רעכענען זיך מיט איהם ווי מיט'ן פאראיאהרגען שניי, אבער צום בעדויערען איז דאס גראד א ענין וואס געהער זיך אן מיט'ן בו-דושעט און דער בודושעט וועט עס'י דורך בעשטעטיגט ווערען טאקע דורך אט דעם רעט און ממילא מוז מען זיי די פרנסים קוקען און מוזל ארייז, הערען וואס זיי וועלען איצט זאגען.

כאטש איך זאג למפרע, אז איך גלויב נישט אין דעם מוט פון רעט, ווארום די לאנגיעהריגע פראקטיק פון קהלה שטייבעל האט בעוויזען, אז אונ-זערע פרנסים קאנען נאר רעדען אין גאס, אבער ווען עס קומט צום עסק נעמט זיי אב דאס לשון.

צום סוף וועל איך אייך מגלה זיין דעם סוד פארוואס איך פרעה זיך מיט די פראטעסטען וואס דארפען פערקו-מען, דאס איז נאר פשוט דערפאר, ווייל אין אונזער יודישען לעבען איז לעצטענס א שטילשטאנד, קיין וואה-לען קומען נישט פאר, און אפילו יא וועהלען איז עס אויך שוין צוגעגעסען, די פראטעסטען אבער ווי איך האב אויסגערעכענט וועלען אויפגרויזען דאס בלוט. מען וועט הערען א געשריי, מען וועט זיך בענוצען מיט דעמאגאגיע, מיט היסטעריע און עס וועט לעבעדיג ווערען אין דער טויטער האלב אבגע-שטארבענער יודישער גאס.

עס וועלען זיין פראטעסטען.

סמאל.



Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927.
Zastępca: I. LEWKOWICZ, Częstochowa, Narutowicza 15.

טמאָרבן מיט דער דערצו ספּעציעל פערפאַסטער מוזיק, דורך דעם דיריגענט פון דער יונגער סינאַגאָגע ה' י. זאַקס. ה' זאַקס האָט אויך פערפאַסט ספּעציעל פאַר דער ארץ-ישראל אקאַדעמיע מוזיק צו יעקב כהן'ס בעריהמטע ליעדער „הבריונים". ער האָט אויך אַנגאַזשירט א מענער-כאָר פאַר דעם בעוואוסטען ליעד „אנו שרום ועולים" פון יעקב כהן, וואָס ווערט געזונגען דורך די חלוצים פערהערגרונג נאָך ארץ-ישראל.

דאָס ליעד „אנו שרום ועולים" ווערט אויף דער אקאַדעמיע רעאַליזירט ווערען און א לעבעדיגע בילד דורך פּרק פּאָלענבערג.

דן טעלל נוטערן פון דעם אַמענד וועלען אויסגעפיהרט ווערען דורך די בעוואוסטע חזנים וונגער דו א"ה קאַנטאָר ב. שמידט, גראַבינער און ל. לעמעל.

פון דער סעקציע שפּילציינ-פאַבריקאַנטען ביים האַנד-ווערקער קלוב.

ווי עס ווייזט אויס האָט דער ארטיקעל אין אונזער צייטונג אָנגעשריבען דורך א'ענעם פון די היגע פאַבריקאַנטען, און וועלכען ער האָט דערט מיטגעטיילט, אז ס'איז גוט פון נעמערען א אויפּמערזאַמקייט - קאָמיסיע וועלכער זאָל מיט דערהילף פון א אדוואָקאט אויפּמערקען, פון דן סוחרים אַזוי גוט פערלענגערען חיבות ווי אויך פּ־אַטענ־

טירטע וועקסלען — געפונען דעם געהערינען אָנקלאַנג, און עס איז פערגעקומען א פערזאַמלונג צו דעם צוועק, צוליעב מאַנגעל און פּלאַץ וועלען מיר אָנגעבען א בעריכט אין נעכסטען נומער.

ווענען דעם וואַסערלייטונג און קאנאַליזאַציע אָבצאָהל פון סוחרים

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מעסטעריעל וואָס דאָס היגע סוחר'טום האָט איבערגעגעבען דעם ה' וויצעפּרעזידענט נעגען דעם צו הויכען אבצאהל פון דן סוחרים פאַר וואַסער און קאנאַליזאַציע פון האַנדעלס-לאָקאַלען, וועלען מיר אונז נעהאַויר אז דער מאַגיסטראַט האָט אַנערקענט, אז דער דאָזיגער אָבצאָהל איז טאַקע א צו-הויכער און האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט נעשטעלט די פראַגע פאַר איינער פון דן נעכסטע זיצונגען פון שטאָדט-ראָט, וועלכע וועט דן דאָזיגע פראַגע בעטראַכטען.

דער מאַגיסטראַט פּראָיעקטירט דערבײַ דעם אבצאהל צו פערקלענערן ביז 10 פּראָצ. פון דער גרויס פון דירה-געלד.

די שעהן פון אויסלייזונג די פּאָסט-קעסטלעך

דאָס מיניסטעריום האָט בעפוילען אַלע פּאָסט-אַמטען אז אויף דן קעסטלעך זאָל נענוי ווערען אָנגעצייכענט

דן שעה ווען דן קעסטלעך ווערען אויסגעלעדיגט.

דאָס ווערט געמאַכט מיט'ן צוועק אז דאָס פּובליקום זאָל זיך קענען אָריענטירען ווען די בריעף ווערען אַרויסגענומען און אַוועקגעשיקט.

דער געוו. דירעקטאָר פון דער קראַנקען קאַסע טרעט ארויס געריכטליך נעגען דער קראַנקען קאַסע.

ווי בעוואוסט איז דער דירעקטאָר פון דער קראַנקען קאַסע ה' פּולקאָווסקי אָבגעשטעלט געוואָרען און זײַן פּלאַץ פערנומען דורך דעם קאָמיסאַר ה' מאַרטשינסקי, ווי מיר הערען געהאַט ער איצט ארויס נעגען דער קראַנקען-קאַסע מיט א פאָדערונג וועגען ענטשעדיגונג אין דער גרויס פון דער סומע פון 30 טויזענד זל.

דער פּראָצעס וועט וואַהרשיינליך זײַן זעהר אַן'אינטערעסאַנטער.

דער מאַגיסטראַט גרייט צו א ציטונג פון דער היגער זעלבסטפערוואַלטונג.

דער מאַגיסטראַט טראַכט צו אין קורצען ארויסצוגעבען א פּעריאָדישע צייטונג אונטער'ן נאָמען „דזענניק זאַרזאָנדו מיאַסטאַ טשענסטאָכאָווי", וועלכער וועט ענטהאַלטען אַלערליי בעשלוסען פון מאַגיסטראַט, פערשיעדענע בעקאַנטמאַכונגען און אויך ארטיקלען איבער פערשיעדענע פראַגען פון דער היגער ווירטשאַפט און זעלבסטפערוואַלטונג.

ענדערונג אין אַרויסגעבען היילמיטלען דורך דער קראַנקען-קאַסע

דער נײַ-בעשטימטער קאָמיסאַר אין דער קראַנקען-קאַסע, וואָס ענדערונג איינגעפיהרטע פּילסודסקען, וואָס צווישען אַנדערע רעפאָרמען אויך איינגעפיהרט א געוויסע ערלייכטערונג בײַם ארויסגעבען היילמיטלען פאַר דן מיטגליעדער פון דער קראַנקען-קאַסע.

ביז-איצט האָבען אַלע זיך געמוזט וועגדען אין דער אַפּטעק פון דער קראַנקען-קאַסע. איצט האָט דער קאָמיסאַר דר. מאַרטשינסקי נעמאַכט א פּראָבעזאָרישען אָבמאַך מיט פּריוואַט-אַפּטייקען, לויט וועלכען די איינוואוינער פון די ווייטערע געגענדען פון דער שטאָדט וועלען קענען בעקומען היילמיטלען און רעצעפּטע פּריוואַט-אַפּטייקען און באַלד בעקומען וועלען זיי אין אַלע אַפּטייקען אין גוטינגע פאַלען קענען בעקומען אַלערלײַ מעדיצינען.

דאָס איז א וויכטיגע ערלייכטערונג פאַר די מיטגליעדער.

וויפיעל וועקסלען פּראָטעסטירט טשענסטאָכאָוו?

דן צאָהל פּראָטעסטירטע וועקסלען איז אַנ'ענין וואָס אינטערעסירט לעצטען'ס יעדערען, ווארום פון דער דאָזיגער צאָהל שאַפט זיך דער מערסטער טייטש וועגען זייער פּינאַנציעלען שטאַנד. דער

פאָרשטער מוט וועלכען עס ווערט אָבגעשאַצט דער ווירטשאַפטליכער מצב אין דער שטאָדט.

עס ווערט דאָריבער זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן צוזאַמען אז אין אונזער שטאָדט זענען עס זענען פערהעלטניסמעסיג אין פערגאַנגענעם חודש נאָוועמבער נישט פערגעקומען קיין גרויסע באַנקראָטען. וועגען דער פּראָטעסטירטע געוואָרען 5463 וועקסלען אויף א סומע פון 1 מיליאָן 121 טויזענד זלאָטעס, וואָס עס מאַכט אויס דורכשניטליך אויף יעדען וועקסעל א סומע פון 265 זלאָטעס.

אין דעם געביעט שטעהט טשענסטאָכאָוו אויפ'ן צעהנטען ארט צווישען אַנדערע שטעדט אין פּוילען.

אין פערלויף פון פערגאַנגענעם חודש נאָוועמבער, איז אין דער היגער נעגענד א בעדייטענדע פערגרעסערונג, יעדענפאַלס איז נאָך נישט צוגעשטעלט געוואָרען די גענויע צאָהל פון דן נעפאַלענע פּראָטעסטען.

פערגרעסערט די טעלעפאָן ליניע אין טשענסטאָכאָוו

דער מאַנגעל אין נײַע טעלעפאָנען לאָזט זיך שוין פיהלען בײַ אונז אין שטאָדט זינט א לענגערע צײַט, אין דער טעלעפאָן - צענטראַלע זענען איינגעפּלאַנט א גרעסערע צאָהל ביטעס וועגען אײַנפיהרען נײַע טעלעפאָנען, אָבער נישט האָבענדיג דערצו קיין נעהעריגע לוניע האָט דן טעלעפאָן פאַבריק ביז-איצט נישט געקענט פערלענגערן קײַן נײַע טעלעפאָנען, ווײַל דן היגע טעלעפאָן-לוניע איז בערעכענט געוואָרען בלויז ביז 800 אַבאָנענטען, און דער צײַט ווען טשענסטאָכאָוו צעהלט שוין 834 טעלעפאָנען (און פערגלײַך מיט אויסלאַנד, וואו יעדער 6-טער איינוואוינער בעזיצט א טעלעפאָן וועלט טשענסטאָכאָווע שוין געדאַרפט האָבען 12 טויזענד טעלעפאָנען), איצט איז אײַנגעאָרדענט געוואָרען א נײַע צוגאָב-צענטראַלע מיט 200 טעלעפאָנען, אַזוי אז טשענסטאָכאָוו וועט איצט שוין פערמאָגען 1000 טעלעפאָנען.

ווי פאַר אונז [איז עס שוין א גרויסער רעקאָרד]

פון דער אָרקעסטראַלער סעקציע ביים ושטנ"ס.

מען בעט אונז מיטצוטיילען, אז נאָך עטליכע טעג ווערען אָנגענומען אײַנשרײַבונגען אין דער אָרקעסטראַלער סעקציע בײַם יודישען טורן- און ספּאָרט-פערײַן אָהן שום אײַנשרײַב-געלד.

צו דער דאָזיגער סעקציע, וועלכע ווערט יעצט שטאַרק פערגרעסערט, ווערען צוגענומען אַלע די וועלכע קענען נאָטען און אויך די וואָס קענען נאָך נישט, נאָר ווילען זיך אויסלערנען.

די אָרקעסטער ווערט אָנגעפיהרט דורך א ספּעציעל אַנגאַזשירטען גוטען דיריגענט.

קורסען פאַר פלעגערינס ביים „טאָז".

נעכסטען דאָנערשטאג דעם 12 דעצעמבער וועלען נעענדיגט געוואָרען די פלעגערין-קורסען בײַ דער געזעלשאַפט טאָז.

די קורסען קומען פאָר אין לאָקאל פון יודישען גימנאַזיום. די צאָהל צוהערער 32.

די פערוואַלטונג פון יודישען גימנאַזיום האָט אָבגעגעבען דעם לאָקאל אומענטגעלדליך.

אָבגעלעגט דער קאָנצערט פון זמרה זעליגפעלד.

נעכטען איז דערהאַלטען געוואָרען א טעלעגראַמע פון זמרה זעליגפעלד אז זי איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און דער קאָנצערט מוז אָבגערופען ווערען.

ווען דער קאָנצערט וועט פאָרקומען וועט ספּעציעל געמעלדעט ווערען.

רינג-קיים פאַר א"י.

ה. נעכשער שיינט גוט 10 זל. און רופט ארויס: סאַמועל קאַץ, שמואל ניעמירעווסקי, ד"ר גאָסלער, לעאָן מענדעל, נאַטאַן שווארצבוים.

דאָס שטאָדטישע מוזעאום.

די קולטור און בילדונגס-אָבטיילונג פון מאַגיסטראַט איז צוגעטרעטען צו רעאָרגאַניזירען דעם שטאָדטישען מוזעאום, און וועלכען עס וועלען געזאַמעלט ווערען צײַכענונגען און מאָדעלען פון פערשיעדענע עפּאָכען פון טשענסטאָכאַוער לעבען. ספּעציעל וועלען בערוקזיכטיגט ווערען די אויפטועון פון אונזער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג אין משך פון דער 10 יעהריגער אומאָבהענגיגקייט.

צווישען די הפצים וועלכע געפונען זיך אין רשות פון מאַגיסטראַט, וועלכע וועלען אַהינגעשטעלט ווערען אין דעם דאָזיגען מוזעאום געפינט זיך אויף בעזונדערער אויפמערקזאַמקייט די פערבליבענע קאָוערליכע קרוין פון דעם געוועזענער רוסישען „פּאָמניק", וואָס איז געשטאַנען בײַ דער יאַסנאַ גורא, און אויך אזא אָמטעל וואָס ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „טשעמאַטאַנ'ס הומעל", וואָס איז געווען א סימבאָל פון דעם אַמאָל גען רוסישען אבסאָלוטיזם.

די דאָזיגע צאַך זאַכען וועלען דורך א צופעלינקייט אויפבעהאַלטען געוואָרען ביז איצט.

בעשטעטיגט דעם אינוועסטיציע שטייער

דאָס אינערן-מיניסטעריום, אין פערשטענדיגונג מיט'ן פינאַנץ-מיניסטעריום האָט בעשטעטיגט די סומע פון 130 טויזענד זלאָטעס אלס אינוועסטיציע שטייער, וועלכער וועט פערוועגדעט ווערען אויף אויסבויען און צוזאַמענהאַנג מיט'ן אויסבויען נעבעדעס פאַר פאָזשעכאָנע שולען.

די אויסגעצייכענטע טשאַסטקעס אויף יום-טוב

לויט ד"ר עטקער'ס אויסגעפּרובטע אָנווייזונגען וועלען אויסערגעוועהנליך בעליעבט און זיי פערשטאַרקען די יום-טוב'דיגע שטימונג. מיר בעטען צו פּרובירען די חאַניקע-טשאַסטקעס

ערייַנצוטהון: 250 גר. פּוטער, 150 גר. צוקער, 1 פּעקיל ד"ר עטקער'ס וואַניליע-פּראָשעק, 100 גר. מאַנדלען, 4 אייער, 500 גר. מעהל, א פּערטיל פּעקעל דר. עטקער'ס באַק-פּראָשעק „באַקין".

אויפן פון צוגרייטען: דאָס מעהל מיט דער פּוטער צוזאַמען מיט'ן פּראָשעק „באַקין" אויפבלעטען, געלבלעך, 100 גר. צוקער און וואַניליע-צוקער צוזאַמענמישען און איבעראַרבעטען אין א טייג וואָס לאָזט זיך גוט אויסקאַטשערן פון מעג אויסשנײַדען קליינע רעדלעך, בעשמירען זיי מיט הײַמעל פון אײַ און איבערשיטען מיט געשניטענע מאַנדלען וואָס זענען געמישט מיט 50 גראַם צוקער און באַקען בײַ א מיטעלען פײַער. די קיכלעך דאַרפען געהאַלטען ווערען אין בלעכערנע שאַכטלען.

אַלס יום-טוב'דיג געבעקס קענען מיר עמפּפעהלען נאָך פאָלגענדע טשאַסטקעס, מערבלעך קראַנץ, קליינע האָרנעל-קיכלעך, האָניג-פּלעצלעך, אַלעס דערמאָהנטע איז מיט רוס, געפּילטע בישקאָטען, פעפער-קיכלעך, בילעטע מיט אַנהייבונגען ארויסגעצויגען פון מען גײַ פּאַרביג - אילוסטרירטע אויסגאַבע „עף" אין וועלכע פּ'געפינען זיך פּרטים וועגען בעריהמטע אפּאַראַט צום באַקען, קעלען און בראָטען. דאָס בילעלע צו 40 גר. בעקומט מען אין אַלע שפּײַז-געשעפטען, אויב פּ'פעהלט פאַר 40 גר. אין פּאָסט-מאַרקען דירעקט פון

Dr. A. OETKER, Oliwa

טעאַטער „אָדעאָן", אַלעע 27.
אָנהייב פּונקט 9.30 אָוונט.

פון הײַנט פרײַטאָג די בעגייאונג פון גרויסען פּוילישען פילם!
NIEWOLNICA MIŁOŚCI
דראַמאַ פון א פרויען-האַרץ געשטיצט אויפ'ן גרויסשטעדטישען לעבען אין 10 אקטען מיט א פראָלאָג
מוזיק אילוסטראַציע פון י. בורשיק.
אין די הויפּט-ראָלען: סמאָסאַרסקאַ, מאַליצקאַ, ברידזינסקאַ, וועגנזין, פאַרנעל, מישקעוויטש, יאַראָטש' פּערטנער, אָווערלאַ, זעלוואָראָוויטש, שליוויצקי א. א.

איבער'ן פּראָגראַם:
די נײַעסטע גימנאַסטיק.

טעאַטער „וואַרשע", אַלעע 12.
אָנהייב פּונקט 9.30

PRZED WYROKIEM
הײַנט מעלטענע ערשטע דראַמע פון לעבען פון די מיטעלשטער און יעצטיגער „פרײַע ליעבעס" לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון ר. נישענס
אין דער הויפּט-ראָל די פּאָפּולערסטע
אַלגאַ טשעכאָווא.
איבער'ן פּראָגראַם: א פרעכטיגע קאָמעדיע אין 2 אקטען.

Redaktor Izrael PŁOCKIER · Wydawca B. BOCIAN · Druk B. BOCIAN I-sza aleja